ספר

# חובת התלמידות

וועגווייזער פאר די

## אידישע טאכטער

באזירט אויף דעם ספר

## חובת התלמידים



חובת התלמידות

ווענגווייזער פאר די אידישע טאכטער

## חובת התלמידות

איז באזירט אויף די אריגינעלע יסודות פונעם ספר "חובת התלמידים", וואו דער הייליגער מחבר, הרה"ק מוהר"ר קלונימוס קלמיש פון פיאסעצנע זי"ע, דרינגט אריין אין הארץ פונעם תלמיד מיט א נאנטקייט און א ליבשאפט ארויסצוברענגען זיינע געפילן אז ער זאל וועלן שטייגן אין תורה ויראת שמים.

חובת התלמידות איז באזונדערס געאייגנט פאר גרעסערע מיידלעך און פאר יונגע פרויען, קלאר צו מאכן זייער תפקיד אין לעבן און שפירן דעם גרויסן תענוג פון עבודת השם מיט א פרישקייט. עס איז געשריבן געווארן אין א לייכטע שפראך און אנטהאלט פארשידענע ענינים ספעציעל צוגעפאסט פאר חינוך הבנות.

יעדע אידישע טאכטער האט געוואלדיגע פעאיגקייטן און א פערזענליכע מיסיע אויסצופירן אויף די וועלט. חובת התלמידות ברענגט די תלמידה צו אנערקענען אז זי אליין איז פאראנטווארטליך פאר איר אייגענעם חינוך. דער ספר העלפט איר אנטדעקן אין זיך די ספעציעלע מעגליכקייטן און ארויסברענגען פון זיך דאס בעסטע - דורכ'ן אנטוויקלען אירע מדות טובות און שאפן א נאנטן קשר מיט'ן באשעפער.

טייערע אידישע טאכטער! דער ספר חובת התלמידות וועט באלייכטן דיין וועג און ארייגעבן אין דיר חיזוק און ווארעמקייט צו תורה און אידישקייט, ריינע אמונה און יראת שמים. עס וועט דיך נעמען אויף אן אנגענעמע רייזע... פון א גייסטיגע זעלבסט-אנטדעקונג, וואו דו וועסט זיך באגעגענען מיט די שיינקייט און דער וואונדער פונעם מהות פון אן אמת'ע אידישע טאכטער.

מיט דער הילף פון דעם ספר, וועסטו אנהייבן טראכטן שטענדיג פון השי"ת און דו וועסט שפירן זיין גרעניצלאזע ליבשאפט צו דיר. דיין הארץ וועט ערוועקט ווערן ארויסצוברענגען דיינע אינערליכע כחות צו שטייגן און אנקומען צום גרויסן תכלית און ציל פאר וועלכע דו ביסט באשאפן געווארן.

עס איז כדאי מפרסם צו זיין אז דער הייליגער חיבור זאל זיך געפונען אין יעדן שטוב וואס מען פלאגט זיך מחנך צו זיין אידישע טעכטער בדרך ישראל סבא.

**הרב אליקים שלעזינגער**
ר"מ ישיבה הרמה
ק"ק לונדון יע"א

דורך דעם ספר חובת התלמידות, וועלן די תלמידות צוקומען ליב צו האבן די תורה, ליב האבן גוטע מדות און ליב האבן אלע ענינים פון אידישקייט.

**הרב שלום פריעדמאן**
דומ"ץ דהתאחדות קהלות החרדים
לונדון יצ"ו

איך רעקאמאנדיר פאר אלע מיידלעך, אדער אפילו ערוואקסענע פרויען, וואס ווילן נאכמער שטייגן אין אמונה און יראת שמים, צו לערנען דעם הייליגן ספר.

**הרב גבריאל קרויס**
מלפנים ראב"ד דק"ק
מאנטשעסטער והגליל יצ"ו



DISTRIBUTED BY
N. Greenfeld Inc.
הוצאה לאור והפצת ספרי קודש
1366 39th Street Brooklyn, NY 11218
Tel 718.633.8103 Fax 718.438.2846

ISBN 978-1-8382564-0-1
9 781838 256401 >

ספר

# חובת התלמידות

וועגווייזער פאר די

## אידישע טאכטער

באזירט אויף דעם ספר

## חובת התלמידים

ISBN 978-1-8382564-0-1
Copyright © 2021
by Rabbi Asher Gratt

All rights reserved.
כל הזכויות שמורות

No part of this publication may be translated, reproduced, stored in a retrieval system or transmitted, in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording or otherwise, even for personal use, without written permission from the publisher.

DISTRIBUTED IN USA BY:
הוצאת נפתלי גרינפעלד
N. Greenfeld Inc.
הוצאה לאור והפצת ספרי קודש
1366 39th Street
Brooklyn, NY 11218
USA
Tel: 718.633.8103

DISTRIBUTED IN EUROPE BY:
Brauns Judaica & Gifts
82 Dunsmure Road
London, N16 5JY
UK
Tel: 020 8809 9393

סידור העמודים ע"י:
דפי חן
(+44) 7956 039 526

# חובת
# התלמידות

באזירט אויף די אריגינעלע יסודות פונעם ספר

## חובת התלמידים

וואס איז נתחבר געווארן דורך

כבוד קדושת אדוננו ורבינו הה"צ בוצינא דנהורא
**חסידא ופרישא עטרת ראשינו בנש"ק וכו' כקש"ת**
**מוהר"ר קלונמוס קלמיש שפירא זצוקללה"ה הי"ד**
**האבדק"ק פיאסעצנא**

די הייליגע ווערטער פון דעם ספר חובת התלמידים
זענען געווארן איבערגעארבעט און טייל חלקים ערזעצט
מיט פארשידענע ענינים ספעציעל צוגעפאסט פאר חינוך הבנות

**געאייגנט פאר גרעסערע מיידלעך און פאר יונגע פרויען**

בעזרת החונן לאדם דעת
אשר אנשיל גראד
**לונדון**
שנת **תשפ"א** לפ"ק

**דריטע אויסגאבע**

**RABBI MOSHE SHOUL KLEIN**
Dayan in Beth Din of Hagaon Harav Wozner Zatzal
and Rabbi of "Or Hachayim" area Bnei Brak

**משה שאול קליין**
דומ"ץ בביד"צ דמרן הגר"ש ואזנר זצללה"ה
ורב שכונת "אור החיים" בני ברק


**ב"ה, יום** כ"א בכסלו תשפ"א לפ"ק

הנני בשורות אלו בשבחו של כבוד ידיד וותיק, מלא ברכת ד', הרבני הנכבד מאד נעלה מוה"ר **אשר אנשיל גראד** שליט"א מזכה הרבים בעיר לאנדאן יצ"ו, שהגה ברוחו הטובה להדפיס העתק מספר הנשגב המבעיר לבות ישראל לאהבת וליראת ד' ומקרב נפשות ישראל קדושים לאביהם שבשמים ה"ה ספר הק' **חובת התלמידים** מכ"ק אדמו"ר הק' מפיאסצנא רבי קלונימוס קלמיש שפירא זי"ע, לבנות ישראל הכשרות והצנועות וקרא שמו **חובת התלמידות**, ותיקנו בשפה בהירה ובצחות הלשון באופן המתאים ללימוד עם בנות ישראל.

וידוע שספר קדוש זה החזיק וחיזק את בנ"י בימי צר ומצוק כאשר מחוץ תשכל חרב ההשכלה הארורה ומחדרים אימת רוחות זרות ורעות שנשבו בחוצות, לפתות בני ובנות ישראל היקרים והמסולאים בפז, לעזוב מקור מים חיים ח"ו ולחצוב להם בורות נשברים ר"ל. וכבר הסכימו על ידו גדולים וטובים מרבני העיר דשם והגלילות.

אין ספק שבימינו אלה שהיצר מתחדש עלינו בכל יום ויום לזנב בנחשלים ולנגוע בקדשי קדשים בחינוך הטהור של בני ובנות ישראל ר"ל, דבר נחוץ ונצרך הוא למאד, באשר דברי קדשו של כקש"ת המחבר זי"ע נכתבו בסילודין ובטהרה להטות לבות ישראל אל השי"ת, ולחזקם שלא ליפול ברוחם ח"ו רק להתאמץ ולהתחזק לשמור את דרך עץ החיים, ולא תסור אהבתו ית' ממנו לעולמים, ולא נצרכא אלא לברכה מרובה שזכות כבירה זו יחד עם זכותו הגדולה של המחבר זי"ע תעמוד לו שיזכה להגדיל תורה ולהאדירה להפיץ מהדורה זו בקרב בני ישראל, וחפץ ד' בידו יצלח.

וע"ז באעה"ח

משה שאול קליין

משה שאול קליין
דומ"ץ בביד"צ דמרן הגר"ש ואזנר זצ"ל
ורב שכונת
אור החיים
בני - ברק

**אליקים שלעזינגער**

ר"מ ישיבה הרמה
ק"ק לונדון יע"א

*Rabbi E. Schlesinger*

45 St. Kildas Road
London N16 5BS
**Tel**: 0161 740 4548
**Fax**: 0161 740 9300


בס"ד כ"א חשון תשפ"א

לכבוד מחותני ידידי הרבני הרה"ח אשר אנשיל גראד שליט"א

קראתי כמה פרקים מספר "חובת התלמידות" שחיבר ידידי, והם דברים נפלאים שנכנסים ללב ומחיים הנשמה לחזק את בנותינו היקרים לאמונה ועבודת הבורא ית"ש בגודל הנסיונות בדורותינו.

ומן הראוי לפרסם חיבור קדוש זה שימצא בכל בית אשר עמלים לחנך בנות ישראל בדרך ישראל סבא.

ויישר כח לידיד שיצליח בכל אשר יפנה לחזק מסורת הדורות ולקדש שם שמים.

ידידו מוקירו

אליקים שלעזינגער

**גבריאל קרויס**
מלפנים ראב"ד דק"ק מנשסתר והגליל יצ"ו

מח"ס מקור הברכה
ושאר ספרים

**DAYAN GAVRIEL KRAUSZ**
Formerly Rosh Beth Din, Manchester

118 Leicester Road, Manchester, Salford M7 4GF
Tel: 0161 740 4548 Fax: 0161 740 9300
Email: dayangavrielkrausz@gmail.com

בס"ד

הרב אשר אנשיל גראד שליט"א המציא לי הספר חשוב מאד, ספר חובת התלמידים. כשלמדתי בו השפיע עלי חיזוק גדול. המחבר האדמו"ר הקדוש הרב הצדיק כמוהר"ר קלונמוס קלמיש זצוקללה"ה חודר ללבם ולנשמות הנוער. אנשים רבים העידו, אפילו כשהגדילו, כי כמעט כל היראת שמים שלהם מיוחסת לספר קדוש זה.

אמנם, לא רק בחורים צעירים שואבים עידוד מספר נפלא זה, אלא אפילו זקנים מתלהבים ממנו. הרב גראד מעיד שראה את האדמו"ר הקדוש מטאהש זצוקללה"ה, בגיל 82 לומד ספר זה בהתלהבות אדירה עוד לפני עלות השחר.

כתוצאה מכך עשיתי לי קל וחומר מהרבי (לגבי המדריגה ולא לגבי הגיל) ולמרות שהנני עמוס בשעות היום והלילה וגם יש לי הרבה ספרי מוסר, עכ"ז התחלתי (בלי נדר) שיעור בכל יום בספר זה. למותר לציין שגם אני מרגיש חיזוק גדול ממנה.

הרב גראד תורגם את הספר מלשון הקודש לאידיש. במשך 46 שנים האחרונות נעתקו ונמכרו ברחבי העולם עשרות אלפי עותקים במהדורות מתוקנות ומעודכנות.

בהתאם לדברי חז"ל, (אבות ד', ב') "מצוה גוררת מצוה" הוא חיבר לאחרונה את ספר חובת התלמידות באידיש, המיוסד על חובת התלמידים ומותאם במיוחד לבנות בכירות ואף לנשים בוגרות ואחר זה גם תורגם לענגליש.

כבר נתתי הסכמה אשתקד לקראת ההדפסה של התרגום בענגליש, ועתה כשהוא עומד הכן להדפיסו עוה"פ באידיש עם הרבה תיקונים, הנני להמליץ בזה לכל הנערות, או אפילו לנשים בוגרות, הרוצים להתעלות עוד יותר באמונה וביראת שמים, ללמוד ספר קדוש הזה.

הנני מאחל להרב גראד, שאנו חייבים לו מאד הכרת הטוב רב עבור זיכוי הרבים שלו, הצלחה רבה בעבודת הקודש שלו, ויה"ר שזיכוי הרבים שלו ישפיע לביאת משיח צדקנו בב"א.

הכותב וחותם לכבוד התורה ולומדיה ביום שני לסדר "כי ברך אברכך" (וירא, כב, יז) שנת תשפ"א לפ"ק פה עיר התורה מנשסתר תצ"ו

גבריאל קרויס

**Rabbi S. Friedman**
*Dayan*
Union of orthodox Hebrew Congregations
105 OSBALDESTON ROAD
LONDON N16 6NL
TEL: 020 8806 4295

**שלו' פריעדמאן**
דומ"ץ
התאחדות קהלות החרדים
לונדון יצ"ו

בס"ד

ו' תמוז תשע"ט

כבוד ידידי הרבני הרב אשר אנשיל גראד שיחי'

אדשה"ט באהבה.

ראיתי הספר נקוב בשמו "חובת התלמידות" ומלבד ידיעתי ניכר גם מתוך הספר כמה יגעת להוציא דבר השלם בלשון צח ומצוחצח שיוכלו התלמידות לקרותו ולא יתייגעו להבינו ועל ידי שינון דברי הספר יכנסו הדברים ללבם בעזהשי"ת וישתו מימיו בצמאון.

והגם שגם עכשיו התלמידות הגונות אבל אין מזרזין אלא למזורזין ועל ידי ספר חובת התלמידות יבאו לאהבת תורה ואהבת מדות טובות ואהבת כל דברי אידישקייט.

כה יעזור השי"ת שחפץ השם בידיו יצליח ועל ידי שיתחזקו בדברי הרבי הקדוש רבי קלונמוס קלמיש זצוקללה"ה יקוים כאשר זה קם זה יפול ויסתתמו ויפולו כל שונאי הדת ויתקרב ביאת משיח צדקינו בב"א.

שלו' פריעדמאן

שלו' פריעדמאן
דומ"ץ
התאחדות קה"ח
לונדון יצ"ו
105, Osbaldeston Rd. London N. 16

# לזכר עולם יהיה צדיק

לעילוי נשמתו הטהורה של אדונינו מורינו ורבינו
הקדוש והטהור, צדיק יסוד עולם, נר ישראל
אספקלריא המאירה, רבן ואוהבן של ישראל

מרן **משולם פייש** זצללה"ה

**אבדק"ק טאהש יע"א**

בעמ"ח ספרי "עבודת עבודה"

בן הרה"ק רבי מרדכי זצללה"ה
אבדק"ק דעמעטשער יע"א

נתבקש לישיבה של מעלה
ז"ך אב תשע"ה

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

# איבערבליק

יעדע אידישע טאכטער האט געוואלדיגע פעאיגקייטן און א פערזענליכע תפקיד אויסצופירן אויף די וועלט. **חובת התלמידות** ברענגט די תלמידה צו אנערקענען אז זי אליין איז פאראנטווארטליך פאר איר אייגענעם חינוך. דער ספר העלפט איר אנטדעקן אין זיך די ספעציעלע מעגליכקייטן און ארויסברענגען פון זיך דאס בעסטע - דורכ'ן אנטוויקלען אירע מדות טובות און שאפן א נאנטן קשר מיט'ן באשעפער.

טייערע אידישע טאכטער! דער ספר **חובת התלמידות** וועט באלייכטן דיין וועג און אריינגעבן אין דיר חיזוק און ווארעמקייט צו תורה און אידישקייט, ריינע אמונה און יראת שמים. עס וועט דיך נעמען אויף אן אנגענעמע רייזע פון א גייסטיגע זעלבסט-אנטדעקונג, וואו דו וועסט זיך באגעגענען מיט די שיינקייט און דער וואונדער פונעם מהות פון אן אמת'ע אידישע טאכטער.

מיט דער הילף פון דעם ספר, וועסטו אנהייבן טראכטן שטענדיג פון השי"ת און דו וועסט שפירן זיין גרעניצלאזע ליבשאפט צו דיר. דיין הארץ וועט ערוועקט ווערן ארויסצוברענגען דיינע אינערליכע כוחות צו שטייגן און אנקומען צום גרויסן תכלית און ציל פאר וועלכע דו ביסט באשאפן געווארן.

# אינהאלט


ארײַנפיר ........ 17

א דאס באליבטע קינד פון באשעפער ........ 21

ב דײַן עיקר מחנכת ביסטו אליין! ........ 23

ג די גרויסקייט פון א פשוט'ן איד ........ 25

ד לעבן מיט פלייסיגקייט ........ 28

ה ארבעטן מיט געשמאק און חשק ........ 30

ו אויפוועקן דעם נפש צו עבודת הבורא ........ 33

ז ווי אזוי באפרייט מען זיך פון נאכגעלאזנקייט? ........ 37

ח פלאנען א סדר היום ........ 39

ט די בלום פון תחיית המתים זיין צוגעגרייט ווען עס קומט א נסיון ........ 41

י געדענקן אז אלע טאלאנטן קומען פון באשעפער ........ 47

יא די גרויסע מעלה פון מדת ענוה ........ 50

יב פראקטישע עצות צו באהערשן כעס ........ 54

יג ווי אזוי צו באזייטיגן די פיינטשאפט צו א חבר'טע ........ 58

יד ווען מען לעבט צו געפעלן פאר אנדערע ........ 61

טו ווי אזוי אויפצובויען דיין אייגענעם פארשטאנד ........ 64

טז ווי אזוי זיך מחזק צו זיין אין א נישט-ערליכע סביבה ........ 68

יז זיך דערנענטערן צום טאטן אין הימל ........ 71

יח א פשוט'ער איד דארף אויך שטרעבן צו העכערקייט ........ 73

| | | |
|---|---|---|
| יט | ווי אזוי צו פארטרייבן דעם יצר הרע | 77 |
| כ | דער באשעפער ווארט צו הערן דיינע תפילות | 80 |
| כא | זיך אנשליסן מיט די געזאנג פון מלאכים און אידן | 82 |
| כב | די הימלישע מדות וואס ליגן אין דער נשמה פון יעדן איד | 85 |
| כג | זיך איינגעוואוינען צו ערוועקן די מדות צו קדושה | 89 |
| כד | אנהאלטן שטענדיג די ליכטיגקייט פון די געהויבענע זמנים | 93 |
| כה | שטענדיג שטרעבן אויף א נאנטקייט צום באשעפער | 95 |
| כו | געדענק אלעמאל אז דו ביסט א חלק פון כלל ישראל | 97 |
| כז | יעדער איד האט אמאל געקענט זוכה זיין צו נבואה | 99 |
| כח | די השקפה פון א בת מלך | 101 |
| כט | דער תפקיד פון שטארקן די נשמה אויפ'ן גוף | 103 |
| ל | עבודת הבורא גיט שטארקייט און הנאה | 106 |
| לא | די געבענטשטע יונגע יארן | 109 |
| לב | דער תועלת פון אנהייבן ארבעטן אויף די מדות יונגערהייט | 112 |
| לג | אויפוואקסן מיט ערליכע מחשבות | 115 |
| לד | די ערליכע פארבינדונג פון די יונגע און די עלטערע יארן | 118 |

בס"ד

# פאָרוואָרט

צוערשט ברענגען מיר ארויס א דאנק און לויב פאר השי"ת אויף די גרויסע זכיה ארויסצוגעבן און פארשפרייטן דעם ספר "חובת התלמידים" אין אידיש במשך די פארגאנגענע זעקס און פערציג יאר. דער ספר איז ב"ה נתקבל געווארן בכל תפוצות ישראל אלס א טאג-טעגליכער לימוד ביי אידישע קינדער און מחנכים.

דער דאזיגער דריטע אויסגאבע פון ספר **חובת התלמידות** איז באזירט אויף די אריגינעלע יסודות פונעם ספר "חובת התלמידים", וואו דער הייליגער מחבר זי"ע דרינגט אריין אין הארץ פונעם תלמיד מיט א נאנטקייט און ליבשאפט ארויסצוברענגען זיינע געפילן אז ער זאל וועלן שטייגן אין תורה ויראת שמים.

**חובת התלמידות** איז באזונדערס געאייגנט פאר גרעסערע מיידלעך און פאר יונגע פרויען, קלאר צו מאכן זייער תפקיד אין לעבן און שפירן דעם גרויסן תענוג פון עבודת השם מיט א פרישקייט. עס איז געשריבן געווארן אין א לייכטע שפראך און אנטהאלט פארשידענע ענינים ספעציעל צוגעפאסט פאר חינוך הבנות.

יזכרו לטובה די אלע וואס האבן געהאלפן איבערצוגיין דעם ספר, ובפרט ידידי הרב הגאון רבי **יעקב דוד דאמב** שליט"א, רב דביהמ"ד תהלות יואל בלאנדאן; הרה"ח ר' **פנחס הכהן ראזנבערג** שליט"א; הר"ר **אליעזר זוסמאן ראטה** הי"ו; הר"ר **בנימין יוסף וועבער** הי"ו; הר"ר **יעקב יוסף סורקיס** הי"ו; בני הרה"ג ר' **יהושע** הי"ו; בני הרה"ג ר' **יעקב** הי"ו; נכדי הילד **יעקב צבי** (בהרה"ח ר' יוסף) **גראד** נ"י.

מיר באדאנקען אויך די חשוב'ע פרויען וואס האבן מגיה געווען און צוגעהאלפן מיט דעם ספר: רביצין נ. דזיאלאווסקי תחי'; מרת ר. טאמבור תחי'; בתי מרת ר. שאלאמאן תחי'; בתי מרת ד. גליק תחי'; נכדתי מרת מ. ר. שנעק תחי'.

עקסטער וויל איך ארויסברענגען א גרויסע הכרת הטוב, מנשים באוהל תבורך זוגתי החשובה תחי', פאר איר שטענדיגע הילף מיט דעם ספר בעצה ותושיה.

דער זכות פונעם בעל מחבר "חובת התלמידים", הרה"ק רבי **קלונמוס קלמיש** זצוק"ל, זאל אויף אייך אלע מגין זיין להתברך בכל מילי דמיטב, אזוי ווי ער האט געשריבן אויף די וואס וועלן עוסק זיין אין זיינע ספרים: **"ובטח זכות אבותי הק' זצוקלל"ה יעמוד לו ולכל ביתו בזה ובבא"**.

ויהי רצון אז דער ספר **חובת התלמידות** זאל אין אייך אריינברענגען אן אמת'ע תורה'דיגע ליכטיגקייט צו שעפן חיזוק לעבודת השם יתברך, אים צו דינען מיט שמחה און חשק, ביז מיר וועלן זוכה זיין אקעגן גיין משיח צדקנו בב"א.

יום ה' לסדר 'ותרועת מלך בו' (בלק) י"ד תמוז תשפ"א לפ"ק

**אשר אנשיל גראד**

# חובת
# התלמידות

# אריינפיר

טייערע בת מלך: דו ביסט דער וואונדער און די פרייד פון דער גאנצער וועלט. השם יתברך, דער מלך מלכי המלכים וואס איז דערהויבן העכער אלעם - ער האט דיך אריינגעברענגט אין זיין פאלאץ און דיך אויסגעוועלט פאר א וויכטיגן תפקיד, וואס נאר דו אליין קענסט דאס ערפילן.

דער באשעפער אליין פריידט זיך מיט **דיר**. ער שעצט דיר און בארימט זיך מיט דיר פאר זיינע מלאכים אין הימל און פאר די שרפי מעלה!

די הימלען און די שטערן רעספעקטירן דיך. זיי פרייען זיך מיט דיר און זענען פאר דיר אונטערטעניג. זיי זענען דיר מקנא אויף דעם וואס דו ביסט אזוי נאנט צום באשעפער.

נעמענדיג דאס אלעס אין באטראכט, קענסטו זיך דען פארשטעלן דאס געוואלדיגע גליק צו וואס דו האסט זוכה געווען? דער באשעפער האט דיך אויסגעקליבן צו זיין א בת מלך, א טאכטער אזוי נאנט צו אים. קענסטו זיך דען פארשטעלן די ליבשאפט וואס דער קעניג פון אלע וועלטן האט צו דיר, און ווי שטארק ער שעצט דיך?

אויב דו וואלסט נאר געקענט שפירן ווי שטארק דער רבונו של עולם האט הנאה פון דיינע תפילות, וואלסטו זיכער געווען פול מיט פרייד און גליק.

טאמער וואלסטו געוואוסט מיט א זיכערקייט אז דער באשעפער הערט אויס און טוט ערפילן דיינע בקשות און דיינע תפילות אויף דיין הצלחה, און אויף דער הצלחה פון דיינע עלטערן, אזוי ווי א טאטע הערט אויס און ערפילט די בקשה פון זיין באליבט קינד, וואלט זיכער נישט געווען קיין גרעניץ צו דיין פרייד.

אפשר פילסטו אז דו ביסט בלויז א **פשוט'ע** מיידל צווישן דיינע חבר'טעס, און גארנישט ספעציעל און מער פון אנדערע, און דערפאר טראכסטו: ווי אזוי קען איך זיך שפירן ווי א באליבט קינד פון באשעפער?

עס קען אויך זיין אז דו טראכסט: איך בין נאך יונג, איך וויל פארברענגען און הנאה האבן מיט מיינע חבר'טעס. וואס וויל מען פון מיר? מען וויל מיר

צונעמען מיינע יונגע יארן? לאזט מיר בעסער יעצט בלייבן ווי איך בין, און אז איך וועל ווערן אביסל עלטער, וועל איך דעמאלט האבן צייט זיך צו אינטערעסירן אין די "העכערע זאכן".

דער אמת איז, אז דו קענסט פארברענגען און הנאה האבן מיט דיינע חבר'טעס, און נאך אלץ אנקומען צו דיין ציל, זיך צו שפירן נאנט צום באשעפער!

דער וועג אנצוקומען דערצו, איז צו וויסן **ווי אזוי** צו פארברענגען מיט דיינע חבר'טעס, ווייל פונקט ווי מען דארף עסן און טרינקען, אזוי דארף מען טאקע אויך פארברענגען מיט חבר'טעס. דו זאלסט אבער שטענדיג געדענקען און גלייבן - אפילו ווען דו פארברענגסט מיט דיינע חבר'טעס - אז דער באשעפער קעניגט אויף דער גאנצער וועלט און ער זעט אלעס - אפילו ווי אזוי איר שפילט און פארווילט צוזאמען.

אין אנהייב וועט עס אפשר נעמען צייט זיך צוגעוואוינען דאס אלעמאל צו געדענקען, אבער זייער שנעל וועט עס ווערן אזוי נאטירליך, אז דו וועסט שפירן ווי דער באשעפער איז נאנט צו דיר, און ער פירט דיך אויף יעדן טריט אין דיין לעבן. דאס וועט אריינברענגען א העכערקייט און הייליגקייט אין דיינע מחשבות, אויך בשעת דו האסט הנאה מיט דיינע חבר'טעס.

אז דו וועסט זיין נאנט צום באשעפער, וועסטו אליין **וועלן** גיין אין דעם באשעפער'ס וועג, און וועסט זיך נישט שפירן געצוואונגען דאס צו טון. נאכמער: ווען דו וועסט טון מצוות און מעשים טובים, וועט דאס האבן א השפעה אויף דיר, אז דו אליין וועסט ווערן גוט, און דיינע מחשבות און געפילן וועלן זיין געוואנדן צום טאטן אין הימל.

דו קענסט אויסדריקן צום באשעפער אלע דיינע געפילן און באדערפענישן. קיין שום זאך איז נישט צו קליין צו בעטן פון באשעפער, ממש אזוי ווי א קינד בעט עפעס פון זיין געטרייען טאטן. און דער באשעפער וועט דיר ענטפערן און נאכגעבן דיין פארלאנג, אזוי ווי א טאטע וויל ערפילן אלע בקשות פון זיין באליבט קינד.

אויך נאכדעם וואס דו ביסט שוין צוגעקומען צו דער אנערקענונג אז דער באשעפער איז שטענדיג נאנט צו דיר, קען זיין אז דו וואונדערסט זיך נאך אלץ: מיט וואס בין איך אזוי חשוב, אז דער באשעפער האט פונקט **מיך** אויסגעוועלט אלס זיין באליבט קינד?

אדער אפשר פרעגסטו: ווי אזוי קען איך ווערן דערהויבן, ווען איך שפיר זיך ווי א **נארמאל** מיידל, גארנישט מער פון אנדערע מיידלעך?

טייערע אידישע טאכטער! אט זענען די רייד וואס אונזער טאטע אין הימל האט אריינגעגעבן אין מויל פון אונזערע הייליגע נביאים און חכמים, וואס זיי לערנען אונז דאס חשיבות פון א איד, און ווי נאנט און טייער מיר זענען צום באשעפער.

ישעיהו הנביא זאגט (ישעיהו ה, ז): **כִּי כֶרֶם ה' צְבָאוֹת בֵּית יִשְׂרָאֵל** - דאס אידישע פאלק איז געגליכן צום וויינגארטן פונעם באשעפער, **וְאִישׁ יְהוּדָה נְטַע שַׁעֲשׁוּעָיו** - און יעדער איינציגער איד איז א טייערע פלאנצונג, וואס מאכט פאר'ן באשעפער א גרויסן פארגעניגן - אויב ער גייט אינעם וועג פון דער תורה.

טייערע אידישע טאכטער! אט דא ליגט דער ענטפער אויף דיין קשיא. **דו** ביסט א קליינע פלאנצונג אין דעם באשעפער'ס וויינגארטן!

בשעת מיר רעדן יעצט צו דיר, ווייסן מיר נישט ווער דו ביסט און מיט וועמען מיר רעדן. אויך דו ווייסט נאכנישט ווער דו ביסט, און וואס עס וועט פון דיר זיין ווען דו וועסט ווערן גרויס. אלעס ווענדט זיך אין דיר אליין! טאמער וועסטו באשליסן זיך צו פלייסן און אויסניצן דיינע פעאיגקייטן, קענסטו בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אויסוואקסן צו ווערן א שיינקייט פאר גאנץ כלל ישראל!

דו קענסט זיין א טייל פון די פילע מיידלעך וואס ניצן זייערע געוואלדיגע טאלאנטן און אינערליכע כוחות צו שטייגן און איבערצוגעבן פאר אנדערע וואס זיי האבן געלערנט אין עבודת השם, און יעדער טאטע און מאמע וועלן זיך ווינטשן און זאגן פאר זייערע קינדער, "דער באשעפער זאל דיך מאכן אזוי ווי זיי".

טייערע אידישע טאכטער! טראכט אריין, און טו אנערקענען די געוואלדיגע טאלאנטן וואס ליגן אין דיינע הענט. נוץ דיין אינערליכע שטארקייט פאר עבודת השם! טו עס פאר דיינע קינדער און פאר די קומענדיגע דורות. טו עס פאר די צדיקים און פאר די תלמידי חכמים וואס וועלן באלייכטן די וועלט מיט זייער תורה. עס קען אפילו זיין אז זיי וועלן זיין דיינע קינדער!

דערמיט וועסטו העלפן נישט בלויז זיך אליין, נאר וועסט העלפן אויך גאנץ כלל ישראל, און דערמיט וועסטו דערנענטערן ביאת משיח צדקינו!

אין דעם ספר **חובת התלמידות** וועלן מיר דיר ווייזן דעם וועג, אז דו זאלסט קענען דערגרייכן דיין תפקיד אויף דער וועלט. דער ספר איז אויסגעשטעלט אזוי, אז עס זאל דיר זיין גרינג דאס צו לערנען און צו קענען שטייגן. וועסט דאס נישט דארפן טון אליין; דער ספר וועט דיך באגלייטן און העלפן דורכאויס דעם וועג, אז דו זאלסט בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אויסוואקסן אן ערליכע אידישע פרוי, וועמענ׳ס מעשים טובים וועלן מיט זייער הערליכן גלאנץ באשיינען גאנץ כלל ישראל.

## פרק א

# דאס באליבטע קינד
# פון באשעפער

וואס איז דער ערשטער שריט צו אנטוויקלען א שטענדיגע נאנטקייט צום באשעפער?

גלייך ביים אויפשטיין אינדערפרי, זאלסטו טראכטן, אז דו ביסט דאס באליבטע קינד פון באשעפער. כאטש עס זעט אויס ווי א קלייניגקייט - און אפילו צו א גרינגע זאך צו קענען דערמיט עפעס אויפטון - אבער פרוביר עס אויס, און דו וועסט אליין זען ווי נאנט עס ברענגט דיך צום באשעפער!

א מענטש וואס ווייסט אז טיף אין דער ערד איז באגראבן א גרויסער אוצר, וועט די שווערע ארבעט פון גראבן אזוי טיף אין דער ערד אים בכלל נישט שטערן; פארקערט, ער וועט זיך פרייען דערצו, און אפילו ער ווייסט אז עס ווארט אים אסאך ארבעט, וועט ער עס טון מיט א שמחה, ביז ער וועט טרעפן דעם אוצר.

וואו ליגט דיין באהאלטענער אוצר? ווי אזוי קומט מען אן דערצו? בשעת'ן אויפשטיין אינדערפרי, טראכט פון דיין נאנטקייט צום באשעפער, און מיט דעם זאלסטו אנהייבן זאגן "מודה אני". רעד צום באשעפער פון דער טיפעניש פון דיין הארץ און זאג: **"באשעפער, העלף מיר, אז איך זאל זיין נאנט צו דיר! העלף מיר, אז איך זאל דיך קענען דינען! העלף מיר, אז איך זאל קענען שטייגן און ערפילן מיין תפקיד! העלף מיר, טאטע!"**

יעצט, נאך אזא הכנה, גלייב אז דער באשעפער האט צוגעהערט דיין בקשה. גלייב מיט א זיכערקייט אז ער וועט ערפילן דעם טיפסטן רצון פון דיין הארץ. ער וועט דיר העלפן, אז דו זאלסט גלוסטן צו דער זיסער, לויטערער

העכערקייט, שפירן די קדושה פון דיין טאטן אין הימל און מקיים זיין זיינע מצוות.

דער דאזיגער ערשטער שריט - אנצוהייבן זוכן דעם טייערן אוצר - וועט דיך אויפלעבן און אוועקשטעלן דעם ריכטיגן גאנג פאר דעם גאנצן טאג צו דינען השם יתברך מיט שמחה און מיט א פרישקייט.

דיין דאווענען וועט אריינברענגען אין דיר א געפיל פון שמחה, אז דו האסט זוכה געווען צו זיין א אידיש מיידל וואס איז אזוי נאנט צו השם יתברך. אפילו אויב עס איז דיר שווער אינזינען צו האבן דעם טייטש פון אלע ווערטער - ווער נישט אנטוישט! דאווען וויפיל דו קענסט מיט כוונה, און שטעל זיך פאָר ווי דו שטייסט פאַר דיין הייליגן טאטן, דעם אב הרחמן, וואס האט דיך אזוי שטארק ליב. ער הערט אויס אלע דיינע בקשות און זארגט פאר אלע דיינע געברויכן, אפילו מער ווי דו קענסט זיך אליין פארשטעלן.

דו קענסט אויך ווערן נאנט צום באשעפער מיט גשמיות'דיגע זאכן, ווי עסן און שלאפן, אויב דו האסט אינזין צו טון דערמיט א נחת רוח פאר השם יתברך, דורך דעם וואס דו עסט אזעלכע מאכלים וואס האבן א גוטן הכשר; דו מאכסט די ברכות מיט כוונה; און דו גייסט שלאפן כדי צו האבן כוח צו דינען דעם באשעפער.

דורכאויס דעם טאג, געדענק דיין תכלית און ציל, אזוי ווי א מענטש וואס פארט אין וועג און דערמאנט זיך פון צייט צו צייט וואו ער וויל אנקומען, כדי ער זאל נישט בלאנדזשען און זאל אנקומען צום ציל בשלום.

אז דו וועסט אריינעמען אין הארץ די אלע אויבנדערמאנטע רייד און וועסט לערנען ווי אזוי צו דינען דעם באשעפער און ווערן נענטער צו אים, קענען מיר דעמאלט האפן אז דו וועסט טאקע דערגרייכן צו דעם, אז דער באשעפער וועט אויף דיר זאגן (ירמיהו לא, יט): **הֲבֵן יַקִּיר לִי** - א טייער קינד ביסטו צו מיר, **אִם יֶלֶד שַׁעֲשֻׁעִים** - א באליבט קינד, **כִּי מִדֵּי דַבְּרִי בּוֹ** - ווייל וואס מער איך - דער באשעפער - רעד פון דיר, **זָכֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד** - וועל איך דיר מער געדענקען און זיך מער דערמאנען פון דיר, **רַחֵם אֲרַחֲמֶנּוּ** - איך וועל זיך אויף דיר דערבארעמען.

# פרק ב

# דיין עיקר מחנכת ביסטו אליין!

דוד המלך זאגט (תהלים לד, טו): **סוּר מֵרָע** - קער זיך אפ פון שלעכטס, **וַעֲשֵׂה טוֹב** - און טו גוטס. דאס מיינט, אז כדי אריינצונעמען אין זיך דאס גוטס, דארף מען זיך ערשט אויסרייניגן פון די נישט-גוטע זאכן.

מען קען דאס גרינג פארשטיין: פונקט אזוי ווי דו וועסט נישט אריינברענגען א חשוב'ן גאסט ביי דיר אין שטוב בעפאר דו וועסט די שטוב גוט אויפרוימען, אזוי דארפסטו אויך אויסרייניגן דיין הארץ פון שעדליכע מדות בעפאר דו ברענגסט אריין קדושה אין דיין לעבן.

דערפאר דארפסטו צום אלעם ערשטן אויפזוכן און דערווייטערן פון זיך יעדע פעלער וואס קען דיך צוריקהאלטן זיך צו פארבעסערן און ווערן נאנט צום באשעפער; דאס קען נעמען צייט און כוח, אבער ווי-נאר דו וועסט מצליח זיין דערין, וועסטו האבן די כלים פאר דיין עבודת השם.

מיר וועלן צוזאמען מיט דיר אויסשטעלן דעם וועג, ווי אזוי צו זוכן און פארבעסערן דיינע שוואכע נאטורן וואס שטערן דיר צו שטייגן.

עס איז אבער דא איין זאך וואס איז וויכטיג צו פארשטיין, וואס דאס איז דער סוד פון דיין הצלחה: דו דארפסט וויסן און אנערקענען, אז דיין עיקר מחנכת - **ביסטו אליין!**

**דער איינציגסטער מענטש וואס קען גוט טרעפן דיינע פעלערן - ביסטו אליין**. קיינער ווייסט נישט **דיינע** שוואכקייטן - וואס איז ביי יעדן מיידל אנדערש - נאר **דו אליין**! ווער נאך קען דערקענען **דיינע** חסרונות, כדי זיי צו פארבעסערן, ווי **דו אליין**?

וויבאלד יעדער מענטש האט אנדערע נאטורן און אנדערע מדות, ביסטו די איינציגסטע וואס קען זוכן אין די טיפענישן פון דיין הארץ און אין

די באהעלטענישן פון דיין נפש, און **טרעפן דיינע חסרונות**, כדי זיי צו קענען פארריכטן.

דיין טאטע, מאמע און לערערין קענען דיר בלויז העלפן און געבן עצות, אבער **דו ביסט דער וואס קען למעשה באשליסן דאס אויסצופירן**. עס ליגט אין דיינע הענט צו טון דעם ריכטיגן שריט און זיך מחנך זיין דורך די וועגן וואס זיי ווייזן דיר אן. אז דו וועסט טיף אריינטעמען אין הארץ יעדעס ווארט וואס קומט ארויס פון זייער מויל, וועסטו קענען ארבעטן אויף דיינע מדות און פארווירקליכן דיין ציל צו ווערן נאנט צום באשעפער.

## פרק ג

# די גרויסקייט פון א פשוט'ן איד

וואו הייבט מען אן צו פארבעסערן און ארבעטן אויף די מדות? אין די פאלגנדע פרקים וועלן מיר ארומרעדן וועגן עטליכע חסרונות, און ווי אזוי מען פאררעכט זיי, און דאס וועט דיך אויסלערנען ווי אזוי צו זוכן **דיינע** חסרונות און זיי פאררעכטן.

עס זענען דא מענטשן וואס רעדן זיך איין, אז זיי זענען די בעסטע מענטשן אויף דער וועלט. זיי טראכטן אז זיי זענען אינגאנצן גוט, אן קיין שום חסרון, און אפילו ווען זיי לערנען אין א מוסר-ספר וועגן א שלעכטע מדה, טראכטן זיי נישט אז די שלעכטע מדה האט עפעס צו טון מיט **זיי אליין**, און אז זיי דארפן עפעס טון דאס מתקן צו זיין.

עס איז א רחמנות אויף די מענטשן וואס שפירן מער נישט קיין שום חסרון אין זיך. דאס איז אזוי ווי איינער וואס איז שוין אזוי קראנק, אז ער שפירט שוין נישט די קראנקהייט און ער זוכט נישט קיין וועג ווי אזוי זיך פון איר אויסצוהיילן.

דערנאך זענען דא מענטשן, וואס כאטש זיי זענען אביסל בעסער, זענען זיי אבער אויך נישט אין ארדענונג. צום ביישפיל, א מיידל לערנט וועגן א שלעכטע מדה, און עס שטערט איר אז זי האט טאקע דעם פעלער, אבער באלד דערנאך טרייסט זי זיך, טראכטנדיג: מיין פעלער איז בכלל נישט אזוי געפערליך ווי עס שטייט אין דעם מוסר-ספר.

אויסער דעם - טראכט זי - איז דאך נישטא קיינער וואס איז אינגאנצן בשלימות, **כִּי אָדָם אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טּוֹב וְלֹא יֶחֱטָא** (קהלת ז, כ) - עס איז נישטא קיין מענטש אויף דער וועלט וואס טוט נאר גוטס און זינדיגט נישט. דאס ניצט זי אלס אן אויסרייד, נישט צו דארפן זיך פארבעסערן.

דאס איז אבער א מחשבה וואס קומט פונעם יצר הרע און קען האבן זייער נישט-גוטע תוצאות.

ביידע פון די שלעכטע נאטורן - נישט זען אין זיך קיין חסרון, און טראכטן אז דער חסרון איז נישט אזוי געפערליך - שטאמען פון איין יסוד. די מענטשן פארלאנגען נישט פון זיך קיין גרויסקייט. זיי מיינען, אז נאר גרויסע צדיקים און צדקניות דארפן ארבעטן זיך צו פאררעכטן, אבער וויבאלד זיי זענען פשוט'ע אידן, איז וואויל און פיין אזוי ווי זיי זענען.

די מענטשן האבן אבער גאר א גרויסן טעות. דאס איז פונקט אזוי ווי א קליין קינד מיט שוואכקייטן, וואס די עלטערן פארלאנגען פון אים ווייניג. זיי זענען צופרידן מיט'ן ביסל גוטס וואס דאס קינד ווייזט ארויס און וועלן אוועקמאכן אלע זיינע שוואכקייטן, זאגנדיג, "ער איז נאך א קליין קינד". אויב מען וועט אזוי טראכטן, וועט דאס קינד אלעמאל בלייבן מיט זיינע שוואכקייטן און ער וועט זיך קיינמאל נישט פארבעסערן.

אזוי ווי מיר האבן פריער געלערנט, דארף יעדע מיידל ארבעטן אויף זיך, ארויסצוברענגען אירע אינערליכע כוחות און שטרעבן צו ווערן די מאמע פון צדיקים און פון תלמידי חכמים. אפילו אויב דו באשליסט אז דו ווילסט בעסער נאר זיין ווי א **פשוט'ער איד**, דארפסטו וויסן וואס עס מיינט צו זיין א פשוט'ער איד.

אין פרשת נצבים (דברים, כט, י) לערנען מיר, אז דער באשעפער האט געמאכט א תנאי מיט יעדן איד, אפילו מיט דעם "פשוט'ן" איד, **מֵחֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ** - פון דעם האלץ-האקער ביז דעם וואסער-טרעגער.

דעמאלט, נאך ביים אנהייב, ווען דער באשעפער האט אונז געקרוינט אלס דאס אידישע פאלק און אונז געגעבן זיין תורה, האט ער אונז געזאגט (שמות יט, ה): **אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ בְּקֹלִי** - אויב וועט איר צוהערן מיין קול, **וּשְׁמַרְתֶּם אֶת בְּרִיתִי** - און איר וועט אפהיטן מיין בונד, **וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים** - וועט איר זיין פאר מיר באליבט מער פון אלע פעלקער, **מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ** - א קעניגרייך פון הארן און א הייליג פאלק.

אט דאס מיינט א **פשוט'ער איד**! א קעניגרייך פון הארן און א הייליג פאלק! דאס איז באמת דער תנאי פון כלל ישראל, און דאס איז אויף וואס יעדער איד דארף שטרעבן. דאס דארף זיין אויך דיין שטרעבונג! כדי צו ווערן

אנגערופן "א קעניגרייך פון הארן און א הייליג פאלק", דארפן מיר זיך צוהערן צום באשעפער.

אוודאי ווילסטו זיך פירן ווי אן אמת'ע אידישע טאכטער. אפילו אויב דו ווייסט דאס נישט, רופט דיין נפש טיף אין הארץ און זאגט: **"הייליגער באשעפער, איך בין א איד! איך בין דיין דינסט! מיט מיין גאנצן כוח און מח, מיט מיין גאנצן לעבן, מיט מיין גוף און מיט מיין נשמה, וועל איך ארבעטן צו קענען אנגערופן ווערן - 'א איד'!"**

וואס מער דו ווערסט פון זיך פארלאנגען צו אנטפלעקן אין זיך די גרויסקייט וואס ליגט אין יעדן איד, וועט עס דיר זיין אסאך גרינגער צו קענען מתקן זיין דיינע מדות.

## פרק ד

# לעבן מיט פלייסיגקייט

מיר וועלן אנהייבן מיט דער מדה פון **פוילקייט**, וואס געפינט זיך מער ביי יונגערע קינדער און איז זייער א שעדליכע מדה.

למשל, א מיידל וואס איז זייער פויל האט ליב צו שלאפן אסאך, ארומזיצן ליידיג און גארנישט טון. יעדע ארבעט איז איר אן עול, און זי האט שוין גרייט א הויפן מיט תירוצים זיך ארויסצודרייען דערפון.

אויף אזא סארט מענטש זאגט דער פסוק (משלי כו, יג): **אָמַר עָצֵל** - דער פוילער זאגט, איך קען נישט גיין, ווייל **שַׁחַל בַּדָּרֶךְ** - אן אלטער לייב איז אויפ'ן וועג, **אֲרִי בֵּין הָרְחוֹבוֹת** - א לייב דרייט זיך צווישן די גאסן.

דאס מיידל וועט אלעמאל טראכטן אז זי איז גערעכט, און זי וועט שטענדיג טרעפן תירוצים צו בארעכטיגן איר פוילקייט. זי וועט זוכן חסרונות אויף פלייסיגע מענטשן, כדי זיך צו בארעכטיגן און זיך נישט דארפן שעמען אז זי ארבעט נישט אזוי פלייסיג ווי זיי.

דערנאך זענען דא מיידלעך וואס שטרענגען זיך יא אן; זיי הייבן אן גוט, אבער נאך א קורצע צייט ווערן זיי מיד און לאזן אפ די ארבעט.

אויב דו זעסט זיך ארום ווי איינע וואס האט אין זיך אט-די מדה, דארפסטו טון אלעס וואס דו קענסט אינגאנצן פטור צו ווערן דערפון. דו דארפסט דאס טון ווי שנעלער, ווייל עס איז א שעדליכע מדה, וואס קען דיר אסאך שטערן אין לעבן.

מען קען זיך אפלערנען פון דער וועלט וואס השם יתברך האט באשאפן, זיך נישט צו האלטן גרעסער ווי אנדערע און צו זיין פלייסיג. די זון און די לבנה ארבעטן אן אויפהער, און די ערד גיט ארויס אירע בעסטע פרוכטן, אזוי ווי

דער באשעפער האט זיי באפוילן. אזוי אויך דער אייזל, דאס פערד און אסאך אנדערע בהמות ארבעטן מיט זייער גאנצן כוח צו טון זייערע פליכטן.

נאר די באשעפענישן וואס פארצוקן, ווי דער לייב און דער פוקס, זיי זענען די וואס דרייען זיך ארום ליידיג. אויב אזוי - דארפסטו טראכטן - פארוואס זאל איך זיין אזוי ווי איינעם פון זיי און זיך אויך ארומדרייען ליידיג?

אפילו אונזערע חכמים זכרונם לברכה, וואס האבן געהארעוועט אין תורה און עבודת השם מיט גרויס מסירת-נפש, האבן פונדעסטוועגן שטענדיג אראפגענומען א מוסר פון דער וועלט ארום זיך. רבי אליעזר פלעגט אלעמאל קומען אין בית המדרש דער ערשטער און ארויסגיין דער לעצטער. איין אינדערפרי, ווען ער האט געזען ווי די מיסט-ארבעטער און די פעלד-ארבעטער זענען אויפגעשטאנען פאר אים, האט ער זיך מוסר געזאגט: "**זיי שטייען אויף אזוי פרי צו זייער פשוט'ע, ערדישע ארבעט, און איך ארבעט פאר'ן באשעפער; איז פארוואס האב איך זיך אזוי פארשפעטיגט?**" (מדרש שיר השירים א).

עס איז וואונדערליך צו זען ווי א הייליגער תנא, א גאון בתורה, א צדיק, האט זיך געלערנט אזא וויכטיגן לימוד פון פשוט'ע ארבעטער! וויפיל מער דארפן מיר זיך לערנען פון אונזערע תלמידי חכמים!

טראכט אריין אביסל:

דער בוי-מייסטער דארף צומאל שטיין אויף הויכע בנינים און זיך איינשטעלן דאס לעבן כדי צו טון זיין ארבעט. דער פויער ארבעט שווער אין פעלד, אין די היצן און קעלט. האסטו שוין אמאל באמערקט, וויפיל כוחות דיין טאטע לייגט אריין אין זיין ארבעט צו ברענגען פרנסה פאר דער גאנצער משפחה?

אזוי אויך שטייט אין "אֵשֶׁת חַיִל": **וַתָּקָם בְּעוֹד לַיְלָה** - די פלייסיגע פרוי שטייט אויף פרי, ווען עס איז נאך נאכט, און זי פלייסט זיך צו טון איר ארבעט.

דער באשעפער האט באשאפן א וועלט, וואס מען זאל אין איר ארבעטן, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. יעדער איינער ארבעט פלייסיג, איינער אין עבודת הקודש און איינער פאר זיין פרנסה, איינער מיט'ן קאפ און איינער מיט'ן קערפער. אזוי דארף אויך יעדער איד ארבעטן צו דינען השם יתברך מיט פלייסיגקייט, מיט חשק און מיט א ברען.

## פרק ה

# ארבעטן מיט געשמאק און חשק

**א**זוי ווי אלע חסרונות, איז די דאזיגע מדה פון פוילקייט אנדערש ביי יעדן איינעם. אפילו אויב דו ביסט נישט צווישן די וואס ליידן פון פוילקייט, קען אבער זיין, אז דו האסט אין זיך א מילדערע פארם - וואס הייסט **נאכגעלאזנקייט**.

נאכגעלאזנקייט מיינט אז מען פאדערט נישט צופיל פון זיך; מען ארבעט נאר ווען מען מוז, און מען פרובירט שטענדיג אפצושטופן די ארבעט אויף שפעטער. מען פארנאכלעסיגט די אייגענע כשרונות, און מען ברענגט נישט ארויס פון זיך דאס בעסטע.

כאטש נאכגעלאזנקייט איז נישט אזוי געפערליך ווי פוילקייט, איז דאס אבער פארט א שטער אין לעבן. א נאכגעלאזענע מיידל וועט נישט פרובירן ארויסצוברענגען אירע אינערליכע כשרונות, און זי וועט טון נאר זאכן וואס קומען איר אן גרינג.

צום ביישפיל, אויב די נאכגעלאזענע מיידל האט א גוטן טאלאנט צו שרייבן און די לערערין גיט איר א פראיעקט, צו מאכן א באשרייבונג וועגן איר משפחה-יחוס, וועט זי בעסער אויסקלייבן אהער צו שטעלן אן אלטע באשרייבונג, ווי איידער אליין צו זאמלען די אינפארמאציע און שאפן איר אייגן שרייב-ווערק. אזא סארט נאכגעלאזנקייט וועט איר אויך צוריקהאלטן פון שטייגן אין עבודת השם.

שלמה המלך זאגט (משלי יח, ט): **גַּם מִתְרַפֶּה בִמְלַאכְתּוֹ** - אויך דער וואס לאזט זיך נאך אין זיין ארבעט, **אָח הוּא לְבַעַל מַשְׁחִית** - איז א ברודער צום צעשטערער. דער פוילער מענטש וויל איינגאנצן נישט ארבעטן און דאס לייגט אלעס צוגרונד. דער נאכגעלאזענער מענטש שטופט אפ די ארבעט אויף

שפעטער, און ווען ער מוז עס שוין טון, טוט ער עס נישט מיט'ן גאנצן הארץ. ער שלעפט ארום, טראכט פון אנדערע זאכן אינמיטן דער ארבעט, טוט די ארבעט זייער איבערפלעכליך און שטרענגט זיך נישט אן צו טון א גרינטליכע ארבעט.

די פלייסיגע מיידל איז אבער פריש און פול מיט חיות און ענערגיע. זי האט הנאה און לעבט אויף ווען זי איז באשעפטיגט; דאס איז איר חיות און פארגעניגן, און זי קען נישט פארנעמען ארומצוגיין ליידיג. אויב עס טרעפט זיך אמאל אז זי האט פארברענגט די צייט מיט גארנישט, פילט זי זיך ליידיג.

זי ווערט נישט זאט פון לייכטע און איבערפלעכליכע ארבעט, נאר פארטיפט זיך אין דער ארבעט וואס זי טוט און פריידט זיך מיט דער אנשטרענגונג.

זי איז אזוי ווי א שטראם וואסער, וואס אויב עס ווערט פארהאלטן אינמיטן וועג, שטארקט זיך עס אויף די שטערונגען און שטראמט מיט נאך פיל מער כוח. אזוי אויך די פלייסיגע מיידל שטארקט זיך מיט יעדן שטער וואס קומט איר אונטער. יעדע שטרויכלונג ערוועקט אין איר נאך מער שאיפה פארצוזעצן ווייטער און ארבעטן מיט נאך מער קראפט.

די פלייסיגע מיידל איז שטענדיג פארנומען צו טון גוטע זאכן, ווי העלפן א צווייטן. זי איז מכבד אירע עלטערן און העלפט אין שטוב. איר דאווענען און בענטשן איז מיט כוונה. אין שולע איז זי אלעמאל גרייט צו לערנען און אויספירן וואס עס ווערט פון איר פארלאנגט. זי פאסט שטענדיג אויף זיך צו פירן לויט דער מסורה. איר גאנצע באנעמונג איז מיט באשיידנקייט און זי רופט ארויס א קידוש השם מיט איר אויפפירונג.

כאטש פוילקייט איז ערגער ווי נאכגעלאזנקייט, דאך איז שווערער אויסצוהיילן דעם נאכגעלאזנעם, ווי דעם פוילן. ווען א פוילע מיידל וויל זיך פארבעסערן, באמיט זי זיך אויפצושטיין פרי און אנקומען צייטליך אין שולע, און זי מאכט א פלאן וויפיל צו לערנען יעדע וואך. אזוי ארום קען זי זיך לייכט אפגעוואוינען פון דער פוילקייט, און דאס וועט בלייבן מיט איר אויך ווען זי ווערט עלטער.

פאר א נאכגעלאזענע מיידל איז אבער אסאך שווערער זיך צו באפרייען פון דער שוואכקייט - סיי אויב זי איז בעצם א נאכגעלאזענע, אדער זי

# פרק ה

האט אמאל געהאט די מדה פון פוילקייט און האט דאס דערוווייטערט פון זיך, און יעצט איז זי געבליבן בלויז א נאכגעלאזענע. אפילו ווען זי שטייט שוין אויף און ארבעט, אדער לערנט, טוט זי עס מיט נאכגעלאזנקייט און אויבערפלעכליכקייט, אַבִּי אויף יוצא צו זיין.

די שעדליכע מדה פון נאכגעלאזנקייט קען אויך צוברענגען, אז ווען זי וויל זיך שטארקן און פארבעסערן אין אן ענין, וועט זי עס אבער נישט טון מיט דער גאנצער ענערגיע. צום ביישפיל, אז זי וועט זיך פאָרנעמען צו דאווענען מיט כוונה, וועט זי גלייךביים אנהייב דאווענען זיך פארטראכטן אין זייטיגע זאכן. זי וועט בלויז ארויסזאגן די ווערטער פון מויל און זיך נישט אנשטרענגען אינזין צו האבן דעם באדייט פון די ווערטער אדער זיך פאָרצושטעלן אין געדאנק אז זי שטייט יעצט פאר'ן מלך מלכי המלכים.

די נאכגעלאזנקייט לאזט איר נישט טוישן איר געוואוינהייט. זי וועט בעסער טראכטן פון נארישקייטן, ווי איידער אנשטרענגען דעם מח, ווייל עס איז איר גרינגער צו טון זאכן אויבערפלעכליך, און זי טוט נאר זאכן וואס קומען איר אן גרינג.

עס איז א פארשטענדליכע זאך אז בעפאר א מענטש גייט ארבעטן טראכט ער וואס די ארבעט וועט אים ברענגען און וויפיל כוחות ער איז גרייט אריינצולייגן דאס צו באקומען. למשל, אז ער דארף האבן א ביליגע אומוויכטיגע זאך, קען ער עס געוועגליך באקומען דורך א גרינגע ארבעט. טאמער דארף ער אבער האבן א טייערע זאך, ווייסט ער אז ער וועט דערויף דארפן שווער ארבעטן. כדי אנצוקומען צו עבודת השם דארף מען, ווי פארשטענדליך, ארבעטן זייער פלייסיג.

בעפאר דו הייבסט זיך אן צו זארגן פון די ווערטער אז מען דארף "ארבעטן זייער פלייסיג", נעם אין באטראכט, אז דער באשעפער פארלאנגט נישט פון אונז אן ארבעט וואס איז צו שווער צו טון, ווי עס שטייט אין פסוק (דברים ל יא) **כִּי הַמִּצְוָה הַזֹּאת אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לֹא נִפְלֵאת הִוא מִמְּךָ וְלֹא רְחֹקָה הִוא** - ווייל די מצוה וואס איך באפעל דיר היינט, דאס איז נישט פארדעקט פון דיר און עס איז נישט ווייט. דאס מיינט אז דו דארפסט נישט טון א זאך וואס דו קענסט נישט באוויזן צו טון.

אין די קומענדיגע פרקים, וועלן מיר בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם לערנען ווי אזוי צו טוישן די מדה פון פוילקייט און נאכגעלאזנקייט און ווערן א פלייסיגע מיידל.

# פרק ו

# אויפוועקן דעם נפש צו עבודת הבורא

טייערע אידישע טאכטער! דו קוקסט זיכער ארויס אויף די טעג ווען דו וועסט בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם זיין א אידישע מאמע. כדי זיך צו גרייטן דערצו, דארפסטו אבער פארטרייבן פון זיך יעדעס ביסל פוילקייט און נאכגעלאזנקייט, אז עס זאל דערפון גארנישט איבערבלייבן אין דיר!

קודם-כל, דארפסטו שטרעבן צו ווערן מער פלייסיג! דאס מיינט נישט, אז דו זאלסט זיך יאגן צו ענדיגן יעדע זאך שנעל און טון אלעס כאפ-לאפ, ווייל די אומגעדולדיגע מענטשן זענען געווענליך איבערפלעכליך, און טוען נישט קיין געהעריגע און גרינטליכע ארבעט.

דו זאלסט זיין געלאסן - אבער פלייסיג. קאנצענטריר זיך אין דיין ארבעט, אבער טו עס געשיקט.

פריער (אין פרק ב׳) האבן מיר ערקלערט אז דיין עיקר מחנכת - ביסטו אליין. יעצט וועלן מיר מאכן קלאר דעם חילוק צווישן א פלייסיגן און א נאכגעלאזענעם מענטש.

איידער מיר גייען צו דערצו, לאמיר ערשט ערקלערן די וואונדערליכע נאטור, ווי אזוי עס ארבעט דער מח און דער גוף ביי א פלייסיגער מענטש און ווי אנדערש עס ארבעט ביי א פוילער מענטש. אז דו וועסט דאס גוט פארשטיין, וועסטו אליין קענען פעסטשטעלן צי דו פארמאגסט אין זיך די שוואכקייט, און אויב יא, וויאזוי דו וועסט זיך קענען אינגאנצן איבערטוישן צו ווערן א פלייסיגע מיידל.

ווען אימער א מענטש טוט א פעולה - נישט קיין חילוק צי ער טוט דאס בפועל מיט'ן גוף, אדער ער "טוט" עס נאר אין מחשבה - איז עס אייגנטליך

דער פנימיות'דיגער נפש וואס טוט די פעולה. און כדי אויסצופירן די פעולה, דארף זיך דער נפש באנוצן מיט'ן מח, מיט'ן הארץ און מיט די אנדערע פיזישע אברים פונעם קערפער.

אין דעם מח פונעם מענטש זענען דא פיל חלקים, און ווען דער נפש וויל עפעס אויספירן, וועקן זיך אויף די אלע חלקים פונעם מח, מיט דעם איינציגן ציל - צו פארשטיין קלאר דעם ענין אין וואס מען פארטיפט זיך דערין.

אזוי אויך ווען א מענטש טוט א פיזישע פעולה, וועקן זיך אויף אלע גלידער פון קערפער, מיט דעם איינציגן ציל - צו טון די זאך וואס דער מח דיקטירט דעם קערפער יעצט אויסצופירן.

יעצט וועלן מיר פארשטיין אז ווען איינער איז א נאכגעלאזענער, טוט ער זאכן מיט א פארשלאפנקייט, אָן קיין חיות; זיין מח און זיינע גלידער ארבעטן נישט צוזאמען. דאס איז אזוי ווי איינער וואס שלאפט, וואס זיין מח איז נאך אביסל אויף און דערפאר קען ער נאך אלץ חלומ'ען פון זאכן וואס ער האט געטראכט בייטאג.

ווען א מיידל איז נאכגעלאזן, איז איר מח האלב פארשלאפן, ווי אונזערע חכמים זאגן: **הוֹלֵךְ בָּטֵל כְּיָשֵׁן דָּמִי** - דער וואס גייט ליידיג, איז עס אזוי ווי ער שלאפט! זי איז טאקע מער וואַך ווי איינער וואס שלאפט געהעריג, אבער זי איז נישט **אינגאנצן** וואַך. איר נפש האט זיך נאכנישט אויפגעוועקט אריינצוגעבן א חיות אין אירע גלידער. עס פעלט איר די פרישקייט און ווילן-קראפט צו טון די ארבעט מיט א חשק, און דער קלארער בליק פון דער ארבעט וואס זי דארף טון. זי טוט די ארבעט אָן פארגעניגן און אָן שמחה.

דאס איז די סיבה פארוואס זי ווערט אנגערופן **מִתְרַפֶּה** - א נאכגעלאזענע, פונעם לשון **רָפֶה וְחָלַשׁ** - נאכגעלאזן און שוואך. כאטש איר גוף און איר נפש איז נישט פיזיש שוואך, איז זי אבער נאכגעלאזן. זי שטרענגט זיך נישט אן צו ניצן די כלים פון איר מח און פון איר גוף אז זיי זאלן טון די זאך מיט א שטארקע ווילן-קראפט, מיט א חיות, אז זי זאל זיך פארטיפן אין די ארבעט מיט קלארקייט, מיט פרישקייט און מיט שמחה.

דעם הייליגן נפש פון א איד קען מען אויפוועקן נאר מיט א שטענדיגן און מיט א פלייסיגן עבודת השם. א מענטש קען דאווענען מיט זיין מויל און טון מצוות מיט זיינע הענט און גלידער, אבער עס איז אָן הארץ און אָן נשמה,

ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיהו כט, יג): **בְּפִיו וּבִשְׂפָתָיו כִּבְּדוּנִי וְלִבּוֹ רִחַק מִמֶּנִּי** - ער איז מיך מכבד נאר מיט'ן מויל און ליפן, אבער זיין הארץ איז ווייט פון מיר. דאס איז צוליב דעם וואס זיין נפש איז פארשלאפן.

טראכט אריין: ווען דו דארפסט אמאל פארן צו אן אינטערעסאנטן פלאץ, ווערסטו פלוצלינג שטארק פלייסיג. דו שטייסט אויף פרי, טוסט זיך שנעל אן, און אלעס ווערט צוגעגרייט מיט פלייסיגקייט און זריזות. פארוואס איז דאס?

דער ענטפער איז קלאר: דו האסט **ליב** דעם פלאץ וואו דו גייסט פארן, און דעריבער האסטו א שטארקן **ווילן** זיך צוצוגרייטן דערצו. דיין אינערליכער נפש וויל יעצט זיין פלייסיג, און עס וועקט זיך אויף מיט כוח און באהערשט אלע חלקים פון דיין מח און פון דיין גוף, וועלכע שטרענגען זיך אן און וועקן זיך אויף פון שלאף. דו גרייטסט זיך מיט חשק, און פלוצלינג הייבט אלעס אן צו לעבן!

אזוי דארף אויך זיין מיט עבודת השם. דיין שטארקע **ליבשאפט** צו דינען דעם באשעפער דארף אויפוועקן דיין נפש מיט א חיות און רצון. דו דארפסט אזוי שטארק ליב האבן מקיים צו זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם, די מצוה פון צניעות און אלע אנדערע מצוות, אז דאס ליבשאפט זאל דיך אויפלעבן און זאלסט **וועלן זיך** אנשטרענגען מיט'ן מח און מיט'ן גוף, ביז אלע דיינע גלידער וועלן ארבעטן אינאיינעם מיט א שטארקייט, מיט פלייסיגקייט און מיט שמחה.

דו דארפסט זיך איינגעוואוינען צו ארבעטן מיט דיין נפש, און דורך דעם וועט זי זיך אויפוועקן, און עס וועט זיך אין דיר אנטפלעקן א געשמאק אין עבודת השם.

וואס האלט טאקע אפ אזויפיל מענטשן פון ערפילן זייער שטרעבן צו דינען דעם באשעפער?

דער ענטפער איז, אז אין די יונגע יארן זענען זיי געווען נאכגעלאזן, און דערפאר האבן זיי יעצט נישט די כוחות זיך צו שטארקן אויף יעדן שטער וואס קומט זיי אונטער אין עבודת השם.

דערפאר איז זייער וויכטיג צו ארבעטן אין די יונגערע יארן צו פאררריכטן די מדה פון נאכגעלאזנקייט. אז מען באשליסט צו זיין פעסט ביי זיך, קען

# פרק ו

מען זיך שטארקן איבער׳ן יצר הרע, טון וואס עס איז ריכטיג אין אזא מצב און נישט ווערן געשטערט פון יעדע זאך וואס קומט אונטער. אויב מען וועט אבער נישט היינט איינפלאנצן אין זיך א זריזות און פלייסיגקייט, וועט עס שפעטער זיין שווער זיך צו האלטן פעסט און זיך צו שטארקן אויפ׳ן יצר הרע, וועלכער פרובירט אונז אפצוהאלטן פון דינען השם יתברך.

געדענק אויך, אז ווען א מצוה ווערט געטון מיט א געשמאק און מיט חיות, האט עס א געוואלדיגע חשיבות ביים באשעפער.

## פרק ז

# ווי אזוי באפרייט מען זיך פון נאכגעלאזנקייט?

עס זענען דא מענטשן וואס גלוסטן שטענדיג צו דינען דעם באשעפער. זיי האבן א גוטן רצון, אבער זיי פירן דאס נישט אויס בפועל. פארוואס? ווייל ווען עס כאפט זיי נאר אָן א התעוררות צו דינען דעם באשעפער, לייגט זיי דער יצר הרע אונטער שטרויכלונגען און שטערונגען, און זיי האלטן זיך אפ פון טון מצוות און דינען דעם באשעפער.

למשל: דו וועקסט זיך אויף איין זונטאג אינדערפרי מיט א חשק צו דאווענען מיט כוונה און מיט געפיל, אבער איידער דו שטעלסט זיך דאווענען, רופט דיר אָן דיין חבר'טע און זאגט אז זי וויל מיט דיר ארויסגיין. דו כאפסט שנעל אפ דאס דאווענען כדי צו קענען מיט איר ארויסגיין.

ווען איינע האט נישט מער ווי א **רצון** צו ווערן פלייסיג, וועט דאס אליין איר גארנישט העלפן זיך צו טוישן. זי דארף טרעפן עצות און מיטלען וואס **צו טון** למעשה כדי צו פארטרייבן פון זיך די נאכגעלאזנקייט און זיך איינגאנצן טוישן צו ווערן א פלייסיגע מיידל.

אזוי איז אויך ביי אלע אנדערע מדות. דער ווילן איבערצוטוישן די שלעכטע מדות אויף גוטע מדות איז טאקע א גוטער אנהייב, אבער דאס אליין איז נישט גענוג. מען דארף טרעפן דעם ריכטיגן מהלך און וויסן וואס צו **טון**, כדי זיך פאקטיש צו פארבעסערן.

צי קען דען א קראנקער מענטש ווערן אויסגעהיילט בלויז מיט'ן **ווילן** צו ווערן געזונט? ער דארף אויך מתפלל זיין און **טון השתדלות** צו געפינען דעם פאסיגן דאקטער און די ריכטיגע מעדיצינען זיך צו היילן ביז ער ווערט געזונט.

וואס זענען די עצות זיך צו באפרייען פון פוילקייט און נאכגעלאזנקייט און ווערן פלייסיג?

ווען דו דארפסט עפעס ערלעדיגן, געוואוין זיך איין עס צו טון ביי דער ערשטער געלעגנהייט און נישט אפשטופן די זאך אויף "שפעטער".

אזוי אויך פאר דו הייבסט אן צו טון עפעס, רעכן אויס וויפיל צייט עס וועט דיר נעמען צו טון די זאך, און נעם זיך פּאַר מיט א פעסטקייט: "איך וועל זיך נישט פוילן, נאר עס ענדיגן אין דער באשטימטער צייט, און איך וועל נישט ווערן פארנומען מיט אנדערע זאכן בעפאר איך ענדיג דאס".

אפטמאל ווען מען דארף עפעס טון, קומען אונטער שטערונגען אין וועג. צום ביישפיל: דו דארפסט אויפרוימען די קיך און דו רעכנסט אז עס וועט דיר נעמען א האלבע שעה. נאך צען מינוט, זעסטו א שיין מעשה-ביכל, זעצסטו זיך אראפ און הייבסט אן לייענען דערין, און די ארבעט ווערט נישט געענדיגט.

ווי אזוי קען מען דאס פארמיידן? ווען עס מאכן זיך שטערונגען בשעת דער ארבעט, דערמאן זיך וויפיל צייט עס איז דיר פארבליבן צו טון די ארבעט, און לייג אוועק די זאך וואס שטערט, ביז דו ענדיגסט די ארבעט. דערנאך וועסטו רואיגערהייט קענען הנאה האבן פון די זאכן וואס דו האסט געלייגט אין א זייט; וועסט קענען לייענען דאס ביכל, אדער שמועסן מיט דיין חבר'טע.

אויב דו האסט געענדיגט די ארבעט צייטליך, זאלסטו זיך פרייען, אבער אויב דו האסט זיך נאכגעלאזט אין דיין ארבעט און עס פארשלעפט - נישט צוליב אן אומגעראכטענע סיבה וואס האט זיך געמאכט - זאלסטו זיך פּאַרהאלטן און זאגן, "עס קען נישט ווייטער אזוי אנגיין, ווייל מיט אזא אויפפירונג וועל איך אויף אלעמאל בלייבן א שלימזל".

אז דו וועסט זיך צוגעוואוינען מיט א שטארקן ווילן און מיט א פעסטקייט צו לערנען אדער ענדיגן דיין ארבעט צו דער באשטימטער צייט, וועסטו שפירן בשעת'ן לערנען אדער בשעת'ן טון דיין ארבעט, ווי איינער שטייט נעבן דיר און דערמאנט דיר שטילערהייט: "לאז נישט נאך! געדענק וואס דו האלטסט אינמיטן טון. פארטראכט זיך נישט אין אנדערע זאכן אינמיטן דיין ארבעט, אדער אינמיטן לערנען!" אזוי וועסטו בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם מצליח זיין צו לערנען און טון דיין ארבעט מיט א חשק און מיט זריזות.

## פרק ח

# פלאנען א סדר היום

יעצט, אז דו האסט שוין באשלאסן און אנגעהויבן צו ארבעטן מיט פלייסיגקייט, איז וויכטיג אז דו זאלסט עס אנהאלטן, כדי צו אנטוויקלען אין זיך א פלייסיגע נאטור.

א גוטע עצה דערצו איז, אז דו זאלסט אראפשרייבן דיין גאנצן סדר היום - אלעס וואס דו גייסט טון דורכאויס דיין טאג.

שרייב אראפ, למשל, וויפיל אזייגער דו וועסט אויפשטיין אינדערפרי, ווי לאנג עס נעמט דיר זיך צו מאכן גרייט און זאגן ברכות השחר, וויפיל אזייגער דו גייסט עסן פרישטאג, און ווען דו וועסט גיין אין שולע אדער סעמינאר. שרייב אויך אראפ וואס דו פלאנסט צו טון ווען דו קומסט אהיים; ווען דו וועסט העלפן אין שטוב, ווען דו וועסט טון דיין היימארבעט, ווען דו וועסט גיין שלאפן, און אזוי ווייטער. יעדן טאג זאלסטו איבערקוקן דיין סדר היום, צו זען אויב דו דארפסט עפעס טוישן אדער פארבעסערן דערין.

ווען דו וועסט זיך צוגעוואוינען אזוי צו טון, וועסטו קענען אנפילן דיין טאג מיט פיל מער זאכן. אנשטאט צו לאזן די צייט אדורכגיין ליידיג, וועסטו קענען אויסניצן די טייערע צייט צו טון אסאך גוטע זאכן, ווי העלפן אנדערע, לערנען מער, זאגן מער תהילים, און טון אסאך מצוות און מעשים טובים.

אויב דו וועסט אזוי פלאנען דיין סדר היום יעדן טאג, וועט דאס ווערן א טייל פון דיין געוואוינהייט. זיי נישט באזארגט אויב עס מאכט זיך איין טאג אז דו האסט נישט געענדיגט אלעס וואס דו האסט געפלאנט צו טון, נאר גיי אן ווייטער דעם נעקסטן טאג לויט דיין פלאן.

אויך איז א גוטע עצה דורכצוגיין יעדן טאג דעם נעכטיגן סדר היום, צו זען אויב דו וואלסט געקענט עפעס טוישן אדער פארבעסערן און אנקומען

צו מער. אויב יא, פרוביר עס אריינצולייגן אין דיין היינטיגן סדר היום. אז דו וועסט האבן א רצון אנצופילן דיין טאג וואס מער, וועסטו עס זיכער קענען טון מיט חשק און צופרידנהייט.

אויב דו וועסט זיין אויסגערעכנט, וועסטו קענען מיט סייעתא דשמיא האבן פיל מער הצלחה אין לעבן. עס איז אבער וויכטיג צו געדענקען וואס דער פסוק זאגט (משלי יט, כא): **רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב אִישׁ וַעֲצַת ה׳ הִיא תָקוּם** - דו קענסט מאכן פלענער, אבער צום סוף וועסטו קענען טון נאר דאס וואס דער באשעפער וויל אז דו זאלסט טון. אויב דו מאכסט אבער בכלל נישט קיין פלאן און האסט נישט קיין שטרעבונג, וועט דאס דיר אפהאלטן אויסצוניצן גוט דיין צייט. דו וועסט וויניגער אויפטון, און וועסט טון אלעס מיט נאכגעלאזנקייט.

ווען עס מאכט זיך דיר אמאל א שוועריגקייט, טראכט פון עצות ווי אזוי דאס איבערצוקומען. צום ביישפיל, אויב עס איז דיר שווער אויפצושטיין אינדערפרי, בעט פון איינעם דיך אויפצואוועקן, שטעל אן א וועקער-זייגער, אדער בעט א חבר׳טע זאל דיר אנרופן.

די עצה צו פלאנען דיין סדר היום קען דיר אויך העלפן אויב דו ביסט צוגעוואוינט צו גיין שלאפן שפעט און דערפאר ביסטו צו מיד צו קענען ארבעטן געהעריג דעם נעקסטן טאג. אז דו וועסט מאכן א ליסטע פון אלעס וואס דו דארפסט ערלעדיגן יעדן טאג - פון אינדערפרי ביז׳ן גיין שלאפן - און דו וועסט זיך צוהאלטן צו א צייט און נישט ווערן פארנומען מיט זייטיגע זאכן, וועט דיין טאג זיין אסאך מער מסודר, און אזוי וועסטו קענען גיין שלאפן צייטליך.

ווען דו וועסט זיך איינגעוואוינען צו פלאנען דיין סדר היום, וועט דיין גאנצע פערזענליכקייט זיך איבערטוישן, און דו וועסט ווערן א פלייסיגע מיידל וואס טוט אלעס מיט חשק און ענערגיע. אזוי וועסטו בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם קענען בעסער אויספירן די זאכן וואס דו ווילסט טון.

## פרק ט

# די בלום פון תחיית המתים

### זיין צוגעגרייט ווען עס קומט א נסיון

הער זיך איין צו א וואונדערליכע משל.

אין ארץ ישראל האט אמאל געוואוינט אן ארעמער שוסטער, א גרויסער ירא שמים. ער האט געהאט אן ענגע דירה ערגעץ אינמיטן וועג, און די דורכגייער פלעגן זיך ביי אים אפשטעלן צו פארריכטן זייערע שיך. דערפון האט ער געהאט זיין קארגע פרנסה, וואס איז קוים געווען גענוג אויף צו שפייזן זיין ווייב און קינדער.

כאטש ער האט געלעבט אין דחקות, האט אבער שטענדיג געהערשט א פרייליכקייט ביי אים אין שטוב. ער האט אויסגעלערנט זיינע קינדער, אז דאס לעבן פון א מענטש אויף דער וועלט איז קורץ און צייטווייליג, און דער עיקר תכלית פונעם מענטש איז דאס נצחיות'דיגע לעבן פון דער נשמה אין עולם הבא. ער האט איינגעפלאנצט אין זיי א חשק צו דינען דעם באשעפער און שפירן א נאנטקייט צו דער שכינה הקדושה.

כאטש ער איז נישט געווען קיין גרויסער תלמיד חכם, האט ער אבער געלערנט תורה און מתפלל געווען צום באשעפער לויט זיינע מעגליכקייטן. פיל מאל פלעגט זיך אין אים ערוועקן א בענקעניש אויסצוגיסן דאס הארץ פאר'ן הייליגן באשעפער. אין אזעלכע זמנים פלעגט ער ארויסגיין פון זיין קליינע, איין-צימערדיגע דירה צום נאנטן וואלד און דארט דאווענען אומגעשטערט מיט א גרויסן דביקות און השתפכות הנפש.

די דורכגייער פלעגן זיך אפשטעלן פונדערווייטנס און צוקוקן מיט וואונדער ווי דער מענטש שטייט אליין אין וואלד, און זיין פנים פלאקערט

בשעת ער רעדט צום טאטן אין הימל און לויבט און דאנקט דעם הייליגן באשעפער, אזוי ווי ער וואלט געשטאנען פאר'ן כסא הכבוד אליין. זיינע באקאנטע האבן שוין געוואוסט: "דאס איז דאך דער שוסטער, דער חסיד!" ווי זיי פלעגן אים רופן.

*

שווארצע, געדיכטע וואלקנס האבן זיך אראפגעלאזט אויף דער וועלטביים אנהייב פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. עס האט אויסגעבראכן אומעטום אן איבערקערעניש און בהלה. מענטשן האבן מורא געהאט צו פארן אויף די וועגן, און די גאסן זענען געווארן ליידיג פון דורכגייער.

עס איז מער נישט געווען ווער עס זאל זיך אפשטעלן אונטערוועגנס צו געבן די שיך צום שוסטער צו פאררעכטן. זיין קנאפע פרנסה האט זיך יעצט אינגאנצן אפגעשטעלט, און זיין ווייב און קינדער האבן אנגעהויבן ליידן הונגער און נויט.

עס איז אריבערגעגאנגען א טאג, אָן קיין שטיקל ברויט אין שטוב, און דאן נאך א טאג. די משפחה האט געהונגערט, און דער שוסטער האט זיך צוגעקוקט מיט גרויס רחמנות ווי זיינע קליינע קינדער וויינען און קרעכצן, "אוי, טאטע! גיב אונז ברויט, מיר זענען אזוי הונגעריג!"

ביים דריטן טאג זענען שוין די קינדער געלעגן אויסגעשפרייט אויף דער ערד, אפגעשוואכטע פון הונגער. די טרוקענע ליפן האבן זיך געשאקלט און געבעטן מיט די לעצטע כוחות, אָן א שטימע, "טאטע, ברויט!" דאס שרעקליכע הונגער האט אוועקגענומען ביי זיי אפילו דעם כוח צו וויינען.

דער שוסטער אליין איז שוין אויך געווען אפגעשוואכט, און די קני האבן זיך אים אונטערגעבראכן פון הונגער און צער, צוקוקנדיג ווי זיין ווייב און קינדער גייען אים ממש אויס פאר די אויגן. ער האט פרובירט זיך שטארקן און איז ארויסגעגאנגען אינדרויסן, ווען זיין ווייב שרייט אים נאך: "מיין געטרייער מאן, גיי נישט ארויס פון דא! לאז אונז נישט איבער אליין. אויב מיר וועלן שטארבן פון הונגער, לאמיר כאטש אלע שטארבן צוזאמען!"

מיט'ן לעצטן ביסל כוח, האט ער איר געטרייסט, זאגנדיג: "ניין, מיין טייערע ווייב, כ'וועל נישט גיין דעם טויט אנטקעגן. אמת, מיר האבן נישט וואס צו עסן, אבער לאמיר נישט פארלירן אונזער האפענונג אין הייליגן

באשעפער. איך גיי יעצט אין וואלד, צו דאווענען צום טאטן אין הימל און בעטן ער זאל אונז מאכן א נס, אז מיר זאלן בלייבן לעבן״.

אנקומענדיג אין וואלד, האט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, און מיט א וויינענדיג שטימע האט ער געבעטן פון די טיפענישן פון הארץ:

**הייליגער באשעפער! נאך איידער דו האסט באשאפן דיין וועלט, האסטו אונז אויסגעוועלט צו זיין דיינע קינדער און דיינע קנעכט וואס זענען נאנט צו דיר. דיין הייליגע שכינה האט שטענדיג גערוט מיט אונז אויף דער ערד, און דו האסט אונז אויפגעהויבן אויף אדלער-פליגל, און אפילו נאך העכער. דו האסט אונז גענומען אויף דיינע ארעמס און אויף דיין שויס, כביכול.**

**אה, ווי גוט עס איז אונז דעמאלט געווען! ווען דו האסט געוואלט עפעס זאגן, האסטו גערעדט מיט אונז. נישט נאר פון הימל האסטו געלאזט הערן דאס שיינקייט פון דיין קול. דו האסט זיך באוויזן צו אונז דורך א נביא, און פון זיין מויל האבן מיר געהערט דיין שטימע רעדן מיט אונז. ער פלעגט אונז זאגן מוסר און אויסגלייכן אונזערע וועגן. די גאנצע וועלט האט פון אונז געציטערט, ווייל - ווער ציטערט דען נישט פון מענטשן, וואס דער האר פון דער וועלט רוט צווישן זיי, ער רוט אין זייער גוף און אין זייער נפש, און ער נעמט זיי ארום?!**

**אבער ווי ביטער איז אונז יעצט, וואס דו האסט באהאלטן דיין פנים פון אונז. דאס הארץ בענקט זיך צו דיין הייליגקייט וואס איז געווארן פארשטעלט, און די נשמה שרייט אויס, ״טאטע! דערנענטער אונז צו דיר!״ אבער דאס געשריי ווערט נישט דערהערט. און אפילו ווען עס דערוועקט זיך אין א איד א הרהור תשובה, און ער בארעכנט זיך און זאגט, ״דאס אומגליק איז דאך געקומען צוליב מיינע גרויסע זינד, און דערפאר האט דער באשעפער מיך דערווייטערט, לאמיר זיך צו אים אומקערן און אים דינען, און אזוי וועט ער זיך אויך צוריקקערן צו מיר ווי א דערבארעמדיגער פאטער״ - אפילו דעמאלט איז אונז אויך ביטער, ווייל זייט דו האסט באהאלטן דיין פנים פון אונז, האבן אונז געטראפן אזויפיל צרות, סיי אין פרנסה און סיי אין אנדערע ענינים, וואס דאס טוט אונז אזוי שטארק פארשטאפן דאס הארץ און**

**פאריאגן דעם נפש, און עס איז גורם אז מיר זאלן חס ושלום נישט טון דיין רצון.**

**רבונו של עולם! נישט בלויז אויף מיר אליין בין איך מתפלל, נאר אויך אויף אלע דיינע אידישע קינדער. הייליגער, דערבארעמדיגער טאטע! ווי אזוי האסטו איבערגעלאזט דיינע קינדער אליין אין אזא טרויעריגער און פארכטיגער וועלט? ווי אזוי קענסטו צוקוקן שווייגנדיג ווי אידן מאכן מיט אזויפיל שוועריגקייטן? נישט נאר אויף פרנסה בעט איך, נאר איך זוך דיין נאנטקייט און הייליגקייט. ליבער טאטע אין הימל! דערנענטער אונז צו דיר און אנטפלעק זיך צו אונז. האב שוין רחמנות און לייז אונז אויס. שיק אונז משיח צדקנו, און מיר וועלן דיר דינען מיט יראה און אהבה, אזוי ווי אונזער הארץ גלוסט און שטרעבט.**

אזוי האט ער געוויינט און געבעטן, ביז ער האט גע'חלש'ט פון גרויס שוואכקייט און הונגער. ליגנדיג אזוי אויף דער ערד אין אנמאכט, האט זיך פלוצלינג דערטראגן צו אים אן אויסערגעווענליך-געשמאקער ריח, וואס האט אים געמונטערט און אריינגעבלאזן אין אים א פרישע חיות. ער האט געזוכט פון וואו עס קומט דער ריח און האט דערזען פאר זיך א הערליכע בלום וואס וואקסט דארט אין וואלד.

ער האט זיך אויפגעהויבן און אפגעשניטן די בלום, און נעמענדיג די בלום אין האנט האט ער זיך שנעל אהיימגעיאגט, כדי אויפצומינטערן דערמיט די ווייב און קינדער. כאטש ער האט נישט געהאט קיין עסן זיי צו געבן, האט ער אבער געוואלט אויפלעבן זייער גייסט מיט'ן גוטן ריח פון דער וואונדערליכער בלום.

אינמיטן וועג, איז פארבייגעפארן א גרויסער פריץ אין א קארעטע. ער הייסט דעם אנטרייבער אפשטעלן די פערד און רופט זיך אן צום שוסטער: "זאג, וואס איז די בלום וואס דו האלטסט אין האנט, און פארוואס דארפסטו עס דען? פארקויף עס מיר, און איך וועל דיר דערפאר גוט באצאלן".

האט דער שוסטער אים געענטפערט: "איך וועל דיר גערן פארקויפן די בלום, אבער נישט פאר געלט. גיב מיר נאר אביסל ברויט צו ראטעווען די לעבנס פון מיין ווייב און קינדער, וואס האבן נישט געגעסן שוין דריי טעג און

גייען אט-אט אויס פאר הונגער". דער פריץ האט אים דערלאנגט א ברויט, און דער שוסטער האט אים אהינגעגעבן די בלום. ער האט זיך טיף באדאנקט פאר'ן פריץ און איז אהיימגעלאפן מיט א גרויס שמחה, צו געבן צו עסן פאר זיין אויסגעהונגערטע משפחה און זיי דערהאלטןביים לעבן.

יענע נאכט האט דער שוסטער געהאט א שרעקליכן חלום. ער האט געזען אין חלום ווי זיין טאטע וועלכער געפינט זיך שוין אין עולם העליון צערייסט זיינע קליידער און שרייט מיט א יאמערליך קול. ער וויינט און קלאפט זיך אין הארצן און זאגט צו אים: "מיין טייערער זון! וויסן זאלסטו, אז די תפילה וואס דו האסט היינט געדאוונט אין וואלד האט געמאכט א גרויסן רעש אין הימל. אלע מלאכי רחמים זענען דערפון ערוועקט געווארן און האבן געשריגן צום באשעפער, 'ווי לאנג נאך וועסטו פארלאזן דיינע קינדער וואס ליידן אזויפיל שוועריגקייטן, און דאך פארגעסן זיי נישט דיין נאמען און זענען אזוי שטארק צוגעבונדן צו דיר?'

"די אייזערנע מחיצה צווישן אידן און זייער טאטן אין הימל האט זיך דורכגעבראכן, און אלע תפילות וואס אידישע קינדער האבן מתפלל געווען דורך די יארן זענען יעצט ארויפגעקומען פאר'ן כסא הכבוד. די דאזיגע תפילות האבן מעורר רחמים געווען אז דער באשעפער זאל שוין אנטפלעקן דעם קץ און שיקן משיח'ן אויסלייזן דאס אידישע פאלק פון גלות.

"עס איז דאן ארויס א כְּרוּז פון הימל, אז וויבאלד דו האסט דערנענטערט די גאולה שלימה מיט דיין תפילה, וועט זיך צו דיר אנטפלעקן די בלום, וואס דערמיט קען מען מחיה מתים זיין. מען האט מיך געשיקט, אז איך זאל קומען צו דיר אין חלום און דיר הייסן גיין צו דער מערת המכפלה און אנדערע קברים פון די נביאים, זיי מחיה מתים זיין, אז זיי זאלן ברענגען משיח צדקנו.

"אין די הימלישע היכלות איז געווארן ליכטיג און פרייליך. די מלאכי עליון און נשמות פון די צדיקים האבן זיך געפריידט. גלייכצייטיג איז ביים שטן און זיין כת געווארן א גרויסער טומל און קלאג. וואס וועלן זיי יעצט טון, אז די אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן און מער נישט זיין אונטער זייער הערשאפט אין גלות?... זיי האבן זיך אבער אן עצה געגעבן און געקומען צו א באשלוס, אז מען וועט דיך אויסנארן און צוכאפן די תחיית-המתים בלום פון דיינע הענט.

"אט דאס איז געווען דער רייכער פריץ, וואס האט אפגעקויפט די בלום פון דיר. ער איז געווען א שליח פונעם שטן! עס איז אים געלונגען ארויסצוכאפן פון דיר די בלום פון תחיית המתים!

"און יעצט - אך-און-ווי' איז אונז! אלעס איז געווען אין דיין האנט, די אבות הקדושים, די נביאים און אלע צדיקים. אפילו משיח איז געווען אין דיינע הענט - און וועגן א שטיקל ברויט האבן מיר דאס אלעס פארלוירן!"

טייערע בת ישראל!

דיין הארץ ווייטאגט זיכער אויף דעם ארעמען שוסטער, וואס צוליב א קלייניגקייט האט ער פארלוירן און צוגרונד געלייגט אזויפיל הייליגע זאכן - די צדיקים און ביאת המשיח!

מען קען אים אבער נישט באשולדיגן פאר'ן פארקויפן די בלום, ווייל ער האט נישט געוואוסט וואספארא טייערער אוצר עס ליגט ביי אים אין האנט, און דערפאר איז ער דורכגעפאלן אינעם נסיון וואס דער שטן האט אים אונטערגעשטעלט.

מיר קענען זיך אפלערנען פון דער מורא'דיגער מעשה, אז מען טאר זיך נישט לאזן פארפירן פון דעם יצר הרע, און ווען מען **ווייסט** אז מען שטייט יעצט פאר א נסיון, האט מען אויף זיך אן אחריות, פיל מער אכטונג צו געבן ביי־צושטיין דעם נסיון און זיך נישט לאזן פארפירן פון דעם יצר הרע.

ווען דו נעמסט זיך אונטער צו שטייגן, און **דו ווייסט** אז דער יצר הרע וועט זיך פּאַרלייגן דיך צו מאכן פויל און נאכגעלאזן, וועט עס דיר זיכער זיין פיל גרינגער איבערצוקומען די פוילקייט, ווייל דו וועסט געדענקען און **וויסן** אז דאס איז א נסיון, און דערפאר וועסטו זיך דערויף שטארקן און וועסט בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם ביישטיין דעם נסיון.

נאכדעם וואס עס וועט דיר שוין זיין גרינגער צו שטייגן, וועסטו קענען ארבעטן אויף זיך צו ווערן איינע פון די נשים צדקניות, און די שכינה וועט אויף דיר רוען. דו וועסט קענען זיין א מוסטער פאר אנדערע מיידלעך, אז אויך זיי זאלן זיך פון דיר אויסלערנען און זיך וועלן דערנענטערן צום באשעפער, און צוזאמען מיט דיינע חבר'טעס קענסטו דערנענטערן ביאת המשיח.

## פרק י

# די וויכטיגקייט צו געדענקן אז אלע טאלאנטן קומען פון באשעפער

מיר וועלן יעצט ארומרעדן פון א שעדליכע מדה, וואס טרעפט זיך ביי פארשידענע מענטשן, וואס זיי טוען נישט אנערקענען אז די אייגענע טאלאנטן און כשרונות קומען פון באשעפער, און אז עס האט גארנישט צו טון מיט זיי אליין.

מיר האבן שוין פריער גערעדט וועגן דער שוואכקייט פון פוילקייט און נאכגעלאזנקייט, און וויפיל עס האלט אפ א מענטש פון שטייגן אין עבודת השם. מיר דארפן אבער אויך רעדן וועגן דער שעדליכער מדה פון נישט אנערקענען אז אלע טאלאנטן פונעם מענטש קומען פון דעם באשעפער, ווייל דאס קען חס ושלום זייער אסאך שטערן פאר דעם וואס ליידט דערפון.

אט-די מדה איז געווענליך מער פארשפרייט ביי יונגע מענטשן, וואס זייער שכל איז נאכנישט אינגאנצן אנטוויקלט און זיי האבן א פארשלאסן הארץ. א מיידל וואס האט אין זיך די מדה וועט טראכטן אז זי איז אלעס; זי פארשטייט אליין ווי אזוי זיך אויפצופירן און זי זעלבסט ווייסט שוין וואס עס איז גוט און וואס עס איז שלעכט.

ווען אירע לערערינס אדער עלטערן גיבן איר הדרכה, האלט זי זיך אסאך קלוגער פון זיי. זי טראכט אז זי פארשטייט בעסער פון זיי, און דאס וואס זי מוז זיי יעצט פאלגן - איז נישט ווייל זייער הדרכה איז ריכטיג, נאר ווייל זיי האבן איר געהייסן אזוי טון. דאס ברענגט אז איר הארץ זאל ווערן דערווייטערט פון זיי, ביז זייערע ווערטער און הדרכה פאלן אויף טויבע אויערן.

ווילאנג דאס מיידל וועט נישט אינגאנצן אויסרייסן פון זיך די שעדליכע מדה, קען מען פון איר גארנישט ערווארטן. עס קען פון איר נישט ארויסקומען קיין שום גוטע מעלה.

זי וועט נישט אויסניצן אירע מדות ווי עס דארף צו זיין, און אפילו די גוטע מדות וואס זענען איינגעפלאנצט אין יעדן אידיש הארץ, וועלן זיך ביי איר פארדארבן. זי וועט זיך דערמיט באנוצן אויף שלעכטס, ווייל זי פארשטייט אלעס פונקט פארקערט ווי אירע מחנכים און עלטערן לערנען איר.

זי וועט זאגן אויף שלעכטס אז ס'איז גוט, און אויף גוטס וועט זי זאגן אז ס'איז שלעכט. זי וועט פיינט האבן דאס וואס מען דארף ליב האבן, און זי וועט ליב האבן דאס וואס מען דארף פיינט האבן.

אויף אזא אידיש קינד קלאגט דער נביא (ישעיהו ה, ב): **וַיְקַו לַעֲשׂוֹת עֲנָבִים** - מען האט געהאפט אז דער וויינגארטן וועט מאכן וואקסן גוטע טרויבן, **וַיַּעַשׂ בְּאֻשִׁים** - און עס האט געמאכט פארדארבענע פרוכט.

דער פשט דערפון איז, אז ביי יעדן אידיש קינד זענען דא גוטע מדות אין הארץ. דער באשעפער ווארט אז עס זאלן ארויסקומען דערפון גוטע טרויבן, אבער ביי אזא איינעם קומען ליידער ארויס פארדארבענע פרוכט.

אונזערע הייליגע חכמים ז"ל האבן נאך אין זייערע צייטן פאראויסגעזען די שעדליכקייט פון טראכטן אז די כשרונות פונעם מענטש קומען פון זיינע אייגענע כוחות, וואס דאס איז א סארט גאוה. די גמרא זאגט (סוטה מט ע"ב): **בְּעִקְבוֹת מְשִׁיחָא חוּצְפָּא יַסְגֵּא** - אין די צייטן פאר ביאת המשיח, וועט זיך פארמערן חוצפה.

אמאליגע צייטן, פלעגן די תלמידות האבן רעספעקט און הכנעה פאר זייערע עלטערן און לערערינס. זיי האבן פארשטאנען אז זיי אליין ווייסן נישט ווי אזוי זיך צו פירן כדי אויסצושטייגן פיינע ערליכע אידן.

זיי האבן זיך געפילט ווי איינער וואס בלאנדזשעט ביינאכט אין וואלד, און עס קומט איינער און ווייזט אים דעם וועג ארויסצוקומען פון טונקעלן וואלד צו א באוואוינטן ארט.

זיי האבן ארויפגעקוקט אויף זייערע עלטערן און לערערינס ווי די וועג-ווייזער וואס פירן זיי אויפ'ן ריכטיגן וועג. זיי האבן געהאט פאר זיי ליבשאפט און דרך ארץ. זיי האבן געשלונגען מיט דארשט יעדעס ווארט וואס איז

ארויסגעקומען פון זייער מויל און האבן עס אריינגענומען אין זייער קאפ און הארץ.

היינט איז ליידער נישט אזוי. יונגע מענטשן שפירן זיך שוין ערוואקסן און טראכטן: איך קען שוין פירן מיין לעבן אליין. איך בין נישט א קליין קינד, וואס מיינע עלטערן און לערערינס זאלן מיר דארפן זאגן וואס יא צו טון און וואס נישט צו טון. איך האב אן אייגענע פארשטאנד און א גלייכן שכל, און איך וועל טון דאס וואס איך פארשטיי אליין.

טייערע אידישע טעכטער! איר האט שוין אנגעהויבן טיף אריינגעמען אין זיך וואס מיר האבן גערעדט ביז אהער. איר ווייסט שוין וואס דאס הייסט **א איד**, און ווי שטארק דער באשעפער האט ליב יעדן איד. איר ווייסט שוין אייער תפקיד צו העלפן אויפבויען א הייליג פאלק, און דערפאר איז מער נישט אזוי וויכטיג צו רעדן ווייטער וועגן דער שעדליכקייט פון פארגעסן אז אלע כשרונות קומען נאר פון באשעפער. מיר וועלן יעצט גיין צום קומענדיגן פרק, וואו מיר וועלן ערקלערן די גרויסע מעלה פון מדת ענוה.

## פרק יא

# די גרויסע מעלה פון מדת ענוה

ח שוב'ע אידישע טעכטער! די פילע מעלות פון ענוה זענען ברייט באקאנט און קלאר פאר יעדן. איר ווייסט זיכער וואס די משנה זאגט (אבות ד, ד): **מְאֹד מְאֹד הֱוֵי שְׁפַל רוּחַ** - דו זאלסט זיך האלטן **זייער, זייער קליין**. די משנה שרייבט צוויי מאל דאס ווארט "מאד", אונז צו לערנען ווי וויכטיג עס איז זיך צו פירן איינגאנצן מיט דער מדה פון ענוה. ווייל די מדה פון ענוה איז דער שליסל צו אלע מדות טובות און צו יראת שמים.

גאוה איז אבער, פארקערט, גאוה איז דער שורש פון אלע שלעכטע מדות. דעריבער דארף מען זיך שטארק דערווייטערן פון גאוה, אז אפילו א טראָפּ דערפון זאל נישט בלייבן אין אונזער הארץ.

גאוה מיינט נישט בלויז ווען א מיידל האלט זיך גרעסער פון איר לערערין, נאר אפילו ווען זי האלט זיך גרעסער פון איר חבר'טע - צי דאס איז מיט איר שכל וואס איז שארפער פון איר חבר'טע'ס, אדער אפילו מיט גארנישט, נאר זי האלט זיך סתם אזוי גרעסער פון א צווייטן - דאס איז א סימן אז דער יצר הרע פארפירט איר.

דער פסוק זאגט (דברים ח, יד): **וְרָם לְבָבֶךָ וְשָׁכַחְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ** - און דיין הארץ וועט זיך דערהייבן, און דו וועסט פארגעסן דעם באשעפער דיין ג-ט. גאוה מאכט אז דער מענטש זאל פארגעסן פון באשעפער. ווען איינער פירט זיך מיט שטאלצקייט, פארגעסט ער אז אלעס וואס א מענטש פארמאגט - סיי בגוף און סיי בנפש - קומט פון באשעפער. ווען א מיידל האלט זיך גרויס, נעמט זי **פאר זיך** די אנערקענונג און כבוד פאר אלע **מתנות** וואס דער באשעפער האט איר געגעבן. גאוה מאכט איר בלינד צו זען דעם אמת, אז אָן דעם באשעפער איז מען גארנישט.

טייערע אידישע טאכטער! מיט וואס שפירסטו זיך גרעסער פון אנדערע? דער באשעפער האט געגעבן פאר דיר און פאר דיינע חבר'טעס די גרעסטע מתנה - די נשמה, וואס דאס איז א **חֵלֶק אֱלֹקַ' מִמַּעַל**. דאס מיינט, אז איר זענט אלע א טייל פונעם געטליכקייט פון באשעפער, וואס ער האט אייך געשיקט אויף דער וועלט גרויס צו מאכן זיין נאמען.

טראכט אריין: דער הייליגער באשעפער פון דער וועלט, דער ג-ט פון הימל און ערד, ער ווערט אנגערופן מיט'ן נאמען **ה' צבאות** - דער באשעפער פון די מיליטערן. וועלכע מיליטער פארמאגט דער באשעפער אין דער וועלט, וואס ער ווערט אנגערופן אויף זייער נאמען?

דעם ענטפער געפינט מען אינעם פסוק ביי יציאת מצרים (שמות ז, ד): **וְהוֹצֵאתִי אֶת צִבְאֹתַי אֶת עַמִּי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** - איך וועל ארויסנעמען מיינע הערשאפטן, מיין פאלק, די אידישע קינדער. יעדער איד, אין יעדן דור, וואס דינט השי"ת, איז א סאלדאט אין באשעפער'ס מיליטער. יעדער איד, מיט זיינע מעגליכקייטן, האט א טייל אין דערהייבן דעם באשעפער'ס מלוכה אויף דער וועלט.

מיר זעען דאס ביי חנה, ווען זי האט מתפלל געווען צום באשעפער אויף א קינד. זי איז געווען די ערשטע אויף דער וועלט וואס האט אנגערופן דעם באשעפער מיט'ן נאמען **ה' צבאות**. חז"ל זאגן, אז חנה האט געבעטן דעם באשעפער: **"רבונו של עולם! פון אלע גרויסע ארמייען וואס דו האסט באשאפן אין דיין וועלט, איז דיר דען שווער מיר צו געבן איין זון?"**

מיט דעם פארשטייען מיר קלאר די מיינונג פון חנה'ס ווערטער!

טייערע אידישע טעכטער! **איר** זענט דאס מיליטער פון באשעפער! חנה האט געבעטן איין קינד פון זיין מיליטער. איר זענט אלע קינדער אין דעם באשעפער'ס מיליטער. איר זענט צוגעגליכן צו די הימלישע מלאכים. אייערע נשמות זענען ריין, און איר זענט די וואס וועלן איינגעמען די וועלט און גרויס מאכן דעם באשעפער'ס נאמען; נישט מיט א שווערד אדער מיט א שפיז, נאר מיט'ן געטליכן גייסט וואס געפינט זיך אין אייך. איר וועט אויפשטעלן דעם באליבטן עם סגולה, דאס הייליגע פאלק. די ליכטיגקייט פון כלל ישראל וועט דורך אייך שיינען, און איר וועט הייליגן די וועלט מיט דער קדושה פונעם באשעפער.

ווי קענט איר זיך גרויסהאלטן און דערוייטערן אייער הארץ פון א צווייטן, ווען איר טוט זיך דערמיט דערווייטערן פון באשעפער, דעם "ה' צבאות"? אויפ'ן בעל גאוה זאגט דער באשעפער: "**אֵין אֲנִי וְהוּא יְכוֹלִין לָדוּר בָּעוֹלָם**" - איך און דער בעל גאוה קענען נישט וואוינען אינאיינעם. אויפ'ן בעל גאוה שטייט: "**כְּאִילוּ דוֹחֵק רַגְלֵי הַשְּׁכִינָה**" - עס איז אזוי ווי ער שטופט אוועק, כביכול, די פיס פון דער שכינה.

דעריבער, חשוב'ע תלמידות, פארמערט ליבשאפט צווישן אייך, און זייט נזהר אין די ווערטער פון דער משנה (אבות ב, י): **יְהִי כְּבוֹד חֲבֵרְךָ חָבִיב עָלֶיךָ כְּשֶׁלָּךְ** - דער כבוד פון דיין חבר זאל זיין באליבט ביי דיר פונקט אזוי ווי דיין אייגענער כבוד. דאס מיינט נישט, אז דו זאלסט זיך צווינגען ליב צו האבן דיין חבר'טע, אזוי ווי דו טוסט איר דערמיט א טובה. אויך זאלסטו נישט פילן ווי דו גיבסט איר אוועק פונעם ליבשאפט וואס דו האסט צו דיר אליין צוליב דעם וואס דו ביסט מחויב דאס צו טון. אזא סארט ליבשאפט איז נישט קיין אמת'ע ליבשאפט, עס האט נישט קיין קיום און עס וועט זייער שנעל בטל ווערן.

אייער ליבשאפט דארף קומען דורכ'ן וויסן און אנערקענען אז איר אלע צוזאמען זענט שליחים פונעם באשעפער, און יעדע איינע האט באקומען פון הימל אירע אייגנארטיגע כשרונות. קיינער פון אייך קען נישט זאגן, "איך בין וויכטיגער פון מיינע חבר'טעס", ווייל גארנישט איז נישט געווענדן אין אייך, נאר אלעס קומט פונעם הייליגן באשעפער, וואס ער האט אייך געשיקט אויף דער וועלט כדי איר זאלט אים דינען מיט אייער גאנצן קראפט. דער הייליגער באשעפער איז דער הויפט פונעם מיליטער, און ער וועט דערהייבן און גרויס מאכן יעדע איינע פון אייך, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, יעדע לויט איר ענוה און לויט ווי זי דינט השם יתברך.

מיר זעען אפט אז עס זענען דא תלמידים און תלמידות וואס זענען געבענטשט מיט אסאך גוטע כשרונות, אבער ווייל זיי האבן זיך געהאלטן גרויס איז ליידער פון זיי גארנישט אויסגעוואקסן. נאכמער: אפילו אויף ערוואקסענע מענטשן זאגן אונז חז"ל (עירובין נד.): **אִם מֵגִיס דַּעְתּוֹ, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁפִּילוֹ** - אויב ער האלט זיך גרויס, טוט דער באשעפער אים דערנידערן.

דאס זעלבע איז אויך פארקערט: עס טרעפן זיך אסאך מאל אזעלכע תלמידים און תלמידות וואס זענען נישט געווען ספעציעל אויסגעצייכנט אין

זייערע יונגע יארן, און זיי זענען געשטיגן און אויסגעוואקסן א לייכט-טורעם ביי כלל ישראל, צוליב דעם וואס זיי האבן ליב געהאט זייערע חברים און זיך געהאלטן קליין.

לאמיר פרובירן צו ארבעטן אויף ענוה, כדי די שכינה זאל רוען צווישן אונז און מיר זאלן זוכה זיין צו אלע השפעות וואס קומען פון דעם וואס מען האלט זיך קליין.

## פרק יב

# פראקטישע עצות צו באהערשן כעס

די גמרא זאגט (שבת קה, עב): **כָּל הַכּוֹעֵס** - יעדער וואס ווערט אין כעס, **אֲפִילוּ שְׁכִינָה אֵינָהּ חֲשׁוּבָה נֶגְדּוֹ** - איז אפילו די שכינה נישט חשוב ביי אים. נאך זאגט די גמרא: **כָּל הַכּוֹעֵס** - יעדער וואס ווערט אין כעס, **כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה** - איז עס גלייך ווי ער וואלט געדינט עבודה זרה.

טראכט אריין: צי לוינט זיך דען צו ווערן אויפגערעגט און דערמיט דערצערענען דעם הייליגן באשעפער, דעם ג-ט פון מיין נפש און מיין נשמה?

נעם זיך פאָר מיט א שטארקייט, אז דו וועסט זיך מער נישט אויפרעגן, און בעט דעם רבונו של עולם: "הייליגער באשעפער! העלף מיר, איך זאל קענען איינהאלטן מיין כעס און מער נישט ווערן אויפגערעגט. איך נעם זיך פאָר מיט'ן גאנצן הארץ, אז פון יעצט אן וועל איך זיך קאנטראלירן נישט אריינצופאלן אין כעס!"

נעם זיך דאס גוט אריין אין הארץ, כדי אז אויב עס וועט פאסירן עפעס וואס וועט דיך אויפרעגן, זאלסטו זיך פאָרשטעלן אין געדאנק די צייט ווען דו האסט זיך פארגענומען אז דו וועסט זיך מער נישט אויפרעגן. דאס וועט דיר מאכן אסאך גרינגער זיך צו קענען באהערשן, און בארואיגן דיין כעס.

כעס איז א סארט שוואכקייט אין דער נאטור פונעם מענטש. די נערוון ווערן פלוצלינג אנגעצונדן צוליב א געוויסע געשעעניש, און זיי נעמען איבער דעם קאנטראל אויפ'ן מענטש. עס איז דעמאלט זייער שווער צו טראכטן מיט'ן גלייכן שכל און ארויפברענגען אין מח א קלארן געדאנק וואס זאל בארואיגן דעם כעס.

עס איז אבער דא דערצו א פראקטישע עצה: מאך ביי זיך אפּ, אז ווי-נאר דו וועסט שפירן אין זיך די קלענסטע ערוועקונג פון כעס, וועסטו גלייך אנהייבן טראכטן פון זייטיגע זאכן וואס האבן אינגאנצן נישט צו טון מיט דער אויפרעגונג. צום ביישפיל, זאג עפעס א תפילה, ווי **אֲדוֹן עוֹלָם אֲשֶׁר מָלַךְ** וכו׳, אדער א מאמר חז״ל וואס דו דארפסט דערין אביסל אריינטראכטן.

די הייליגע תפילה אדער דער מאמר חז״ל וואס דו וועסט דערפון טראכטן וועלן דיך באשיצן און ראטעווען פונעם יצר הרע פון כעס ווען עס וועט דיר אונטערקומען א סיבה צו ווערן אויפגערעגט.

דאס וועט אויך זיין א פראקטישע הילף איינצושטילן דעם כעס, ווייל ווען די מחשבה פונעם מענטש ווערט באשעפטיגט מיט זייטיגע זאכן וואס האבן גארנישט צו טון מיט דער אויפרעגונג, טוט די נערוועזקייט זיך נאטירליך בארואיגן, און דעמאלט איז פיל גרינגער פאר׳ן מענטש זיך צו באהערשן, און צו טראכטן מיט׳ן נארמאלן פארשטאנד און אויספירן וואס ער האט פריער ביי זיך אפגעמאכט - נישט צו ווערן אויפגערעגט.

מיר ווייסן פון פארשידענע מאמרי חז״ל, אז כעס איז א שלעכטע מדה וואס וועקט שטארק אויף דעם יצר הרע. נעמליך, עס איז נישט בלויז א פיזישע שוואכקייט פון די נערוון, נאר עס איז א שלעכטע מדה, אזוי ווי גאוה און אנדערע שלעכטע מדות.

טאמער וועסטו זיך וועלן פטר׳ן פון פארטרייבן די שלעכטע מדה פון כעס, מיט דער טענה: ״וואס בין איך שולדיג אז איך האב אן אויפגערעגטע נאטור? ווי אזוי קען מען דען טוישן די נאטור?״

איז דער ענטפער דערויף, אז א מענטש איז פעאיג צו ארבעטן אויף זיינע מדות און אויסארבעטן זיין נאטור, זיך צו קענען באהערשן אפילו ווען ער ווערט אויפגערעגט.

טראכט אריין: ווען א פראסטער גוי ווערט אין כעס, קען ער אנקומען אזוי ווייט ביז צו הרג׳ענען אן אנדערן מענטש. דער פשוט׳סטער איד וועט אבער נישט הרג׳ענען א צווייטן; ער וועט אפשר יענעם שלאגן, און איינער וואס איז אביסל מער אויסגעארבעט וועט אויך נישט שלאגן, נאר ער וועט זיך בייזערן און שרייען.

אויב איז די שוואכקייט פון די נערוון ביי אלעמען די זעלבע, איז פארוואס פירן זיך פארשידענע מענטשן אויף אנדערש ווען זיי ווערן אין כעס?

די סיבה דערפון איז פשוט: מיר זעען אז א מענטש קען קאנטראלירן זיינע באוועגונגען ווען ער איז וואַך, און דאס וועט אויף אים ווירקן אפילו ווען ער שלאפט. צוםביישפיל, א מענטש פאלט געווענליך נישט ארויס פון בעט אינמיטן שלאף, נאר ווען ער קומט אן צום עק פון בעט, דרייט ער זיך אומבאוואוסטזיניג אליין צוריק.

פארוואס איז דאס אזוי? ווייל די פארזיכטיגקייט נישט ארויסצופאלן פון בעט איז אין אים אזוי טיף איינגעווארצלט, אז עס ווערט א חלק פון זיין נאטור, און אפילו ווען דער שכל איז נישט אקטיוו, ווייסט אבער דער גוף וואס צו טון כדי נישט ארויסצופאלן פון בעט.

אזוי איז אויך ביי יעדע זאך. דער פארשטאנד און די געדאנקען וואס ווערן איינגעווארצלט טיף אינעם מענטש, קענען אים באגרעניצן אפילו אין דער צייט וואס זיין פארשטאנד ווערט פארהוילן.

דערפאר, א פראסטער גוי וואס דער פארבאט צו הרג'ענען א מענטש איז ביי אים נישט איינגעווארצלט אזוי טיף, קען טאקע אנקומען צו הרג'ענען ווען ער פאלט אריין אין כעס. דער פשוט'סטער איד, אבער, וואס אין אים איז טיף איינגעווארצלט דער פארבאט אז מען טאר נישט הרג'ענען, וועט נישט הרג'ענען א צווייטן - כאטש ער וועט אפשר יענעם שלאגן.

איינער וואס איז אביסל מער אויסגעארבעט, און עס איז טיף איינגעווארצלט אין אים אויך דאס אז מען טאר נישט שלאגן קיין מענטש, וועט אפשר אנקומען זיך צו בייזערן און שרייען אויף יענעם, אבער ער וועט זיך אפהאלטן פון שלאגן. איינער וואס איז נאך מער אויסגעארבעט, און ביי אים איז טיף איינגעווארצלט נישט צו שרייען און זיך נישט בייזערן ווען ער ווערט אין כעס, וועט ער זיך אפהאלטן פון זיך בייזערן און שרייען - כאטש וואס זייענדיג אויפגערעגט איז זיין שכל צעמישט און ער איז נישט ביים קלארן פארשטאנד.

ווען די פאָזיטיווע געדאנקען זענען טיף איינגעווארצלט אינעם מענטש'ס אונטער-באוואוסטזיין, קענען זיי אים קאנטראלירן און העלפן באהערשן זיין אויפגערעגטע נאטור און איינצוימען זיינע שריט, אפילו ווען ער איז נישט ביים קלארן דעת.

דערפאר, אויב וועסטו זיך איינגעוואוינען צו טראכטן פון דיין החלטה צו קאנטראלירן דיין כעס, וועט דאס דיך באגרעניצן, אזוי אז ווען עס וועט

דיר אונטערקומען א סיבה צו ווערן אויפגערעגט, וועסטו זיך קענען האלטן רואיג און נישט לאזן אז דער כעס זאל דיך באהערשן.

אויך איז וויכטיג צו גיין פרי שלאפן, צו עסן געזונטע מאכלים און זיך צו דערווייטערן פון שעדליכע מאכלים. דאס וועט שאפן אין דיר א רואיגע נאטור און עס וועט דיר העלפן צו באהערשן דיין כעס.

אז דו וועסט שטענדיג ארבעטן פלייסיג אויף דער מדה, און אויך אויף דיינע אנדערע חסרונות, וועסטו בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם מצליח זיין צו פארבעסערן דיינע מדות און שטייגן העכער און העכער, און די ארבעט וועט דיר מיט דער צייט ווערן אסאך גרינגער.

## פרק יג

# ווי אזוי צו באזייטיגן די פיינטשאפט צו א חבר'טע

דאס צווייטע בית המקדש איז חרוב געווארן צוליב שנאת חנם. אויב איינער טראגט אין זיך א שנאה אויף א צווייטן איד, איז ער דערמיט עובר אויף דעם וואס עס שטייט אין דער הייליגער תורה (ויקרא יט, יז): **לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ** - דו זאלסט נישט פיינט האבן דיין ברודער אין דיין הארץ.

טאמער האסטו א שווער געפיל קעגן א חבר'טע, און דו ווילסט דערפון פטור ווערן, אבער דו קענסט נישט, דיין הארץ לאזט דיר נישט - און ווי באקאנט, ווען מען האט א פיינטשאפט צו איינעם, קוקט מען געוויינליך נאר אויף יענעמ'ס פעלערן, און מען זעט איגנאנצן נישט קיין גוטע מדה וואס יענער פארמאגט - איז קודם-כל, פרוביר צו טראכטן וועגן א ספעציעלע גוטע מדה וואס דיין חבר'טע האט אין זיך.

יעדער מענטש האט פארשידענע מדות, און אפילו אויב דו האסט איר נישט ליב, וועסטו אבער זיכער קענען טרעפן עפעס א **גוטע מדה** וואס זי פארמאגט. קאנצענטריר זיך אויף דער גוטער מדה וואס זי האט, און נוץ דאס אלס א שריט אנצוהייבן פילן עפעס א נאנטקייט צו איר.

עס קען אבער זיין, אז דאס שווערע געפיל האט זיך שוין אזוי שטארק איינגעבאקן אין דיין הארץ, אז עס איז דיר צו שווער אויף אזא אופן דאס צו פארטרייבן. דאן טו די פאלגנדע עצה: שרייב איר א בריוו, און דריק אויס דערין די גרעסטע מאס צארן וואס דו האסט אויף איר. **אבער שיק עס איר נישט!** באהאלט עס זייער גוט, און אין די קומענדיגע פאר טעג, זאלסטו יעדן טאג לייענען הויך דעם בריוו צו זיך אליין און זיך פאָרשטעלן דערביי ווי דיין

חבר'טע שטייט פאר דיר און דו שרייסט איר אן מיט די אלע זידל-רייד וואס עס שטייט אין דעם בריוו.

נאך א פאר טעג, וועט זיך דיין אויפרעגונג זיכער אפקילן, און צוביסלעך וועט עס אינגאנצן פארשווינדן. מיט דיין איידלקייט, וועסטו איר אפילו גיין איבערבעטן!

דו וואונדערסט זיך מסתמא אויף דער עצה. ווי אזוי איז עס מעגליך, אז ווען איך שרייב א שארפן בריוו צו מיין שונא, און איך לייען עס, זאל דאס ברענגען אז איך זאל איר איבערבעטן?

די סיבה דערפון איז, ווייל ווען א מענטש לאזט אויס זיין כעס און צעשרייט זיך אויף זיין שונא, בארואיגט זיך דערמיט אביסל זיין כעס, אבער ווען די חבר'טע ענטפערט איר גלייך צוריק, שטארקט זיך די שנאה נאך מער. ווען דו שרייבסט דעם שארפן בריוו, אין וועלכן דו גיסט אויס דיין גאנצן כעס אויף דיין חבר'טע און דו זאגסט ארויס מיט דיין מויל די אלע זידל-ווערטער און קיינער ענטפערט דיר נישט צוריק, דאן בארואיגט זיך אביסל דיין כעס און עס צעפלאקערט זיך נישט פונדאסניי.

ווען דו וועסט איבערלייענען דעם בריוו דעם נעקסטן טאג, ווען דיין כעס איז שוין מער בארואיגט, און דו וועסט איר ווידער אויסזידלען מיט די זעלבע שארפע רייד וואס זענען געשריבן געווארן אינעם בריוו, מיט'ן שטארקן כעס וואס דו האסט פריער געהאט, וועסטו זיך פלוצלינג כאפן און פרעגן, "אזעלכע שארפע ווערטער האב איך דארט געשריבן?" דו וועסט שוין נישט קענען לייענען די אלע שארפע רייד מיט דער זעלבער שטארקער אויפרעגונג ווי נעכטן.

וויבאלד דו האסט זיך אבער פארט פארגענומען דאס צו לייענען און דיין כעס האט זיך נאך אלץ נישט **אינגאנצן** בארואיגט, וועסטו עס לייענען נאכאמאל, אבער עס וועט דיר שוין זיין שווערער דאס צו לייענען, צוליב די גאר שארפע ווערטער וואס דו האסט דארט געשריבן.

אז עס גייט אריבער נאך א טאג, און דיין נעכטיגער כעס האט זיך שוין נאך מער בארואיגט, וועסטו שוין פשוט נישט קענען מער לייענען דעם בריוו. דיין הארץ וועט זיך עפענען, און דו וועסט חרטה האבן אויף די שארפע ווערטער וואס דו האסט דארט געשריבן. דו וועסט שוין זוכן עצות ווי אזוי

זיך איבערצובעטן מיט דיין חבר'טע, און בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם וועסטו מיט איר שלום מאכן.

אידישע נשמות זענען אלע איינס, ממקור נשמת ישראל, און דערפאר גלוסטן זיי זיך צוריק צו באהעפטן צו זייער מקור. די פיינטשאפט וואס קומט פון יצר הרע שטערט זיי אבער זיך צו באהעפטן. אין דער מינוט וואס די פיינטשאפט איז פארשוואונדן, ווערט גלייך נתעורר דער רצון זיך איבערצובעטן.

די עצה מיט'ן בריוו זאלסטו ניצן נאר ווען עס פעלט שטארק אויס, און זאלסט זייער אכטונג געבן נישט צו פארלירן דעם בריוו, און אז אפילו דיינע נאנטע חבר'טעס זאלן עס נישט זען, ווייל אויב וועט דיין חבר'טע געוואויר ווערן וואס דו האסט דארט אויף איר געשריבן, וועט זי זיך אסאך מער אויף דיר אויפרעגן.

א גוטהארציג מיידל וועט זיך דורך דער עצה שנעל איבערבעטן, און איינע מיט א שווערערער נאטור וועט עס דארפן לייענען נאך א פאר מאל, אבער סוף-כל-סוף וועלן זיך אלע בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם איבערבעטן און שלום מאכן.

## פרק יד

# ווען מען לעבט צו געפעלן פאר אנדערע

ווען איינער וויל שטייגן אין עבודת השם, וועט דער יצר הרע פיל מאל אונטערשטעלן נסיונות אים אפצוהאלטן פון זיך פארבעסערן. איינס פון די נסיונות זענען די ארומיגע נישט-ערליכע מענטשן וואס מאכן אים שווער צו שטייגן.

כדי נישט צו ווערן געשטערט דורך אזעלכע סארט מענטשן, זאלסטו לערנען און גוט איינזאפן אין זיך די ווערטער פון ספרי מוסר און מאמרים פון די הייליגע חז"ל אין צוזאמענהאנג מיט דעם ענין.

אין שולחן ערוך שטייט (או"ח סי' א, סעיף א): **וְלֹא יִתְבַּיֵּשׁ מִפְּנֵי בְּנֵי אָדָם הַמַּלְעִיגִים עָלָיו בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** - א מענטש זאל זיך נישט שעמען פון די וואס שפעטן אפ פון אים אין עבודת השם יתברך. ליידער זענען דא אומפאראנטווארטליכע מענטשן וואס האבן ליב אראפצוקלאפן און פארשעמען אנדערע, ספעציעל אויב זיי טראכטן אז יענער איז בעסער פון זיי. דאס קומט געווענליך צוליב דעם וואס זיי ווילן בארעכטיגן דאס וואס זיי זענען נישט אזוי ערליך ווי יענעם.

כדי צו קענען שטייגן אין עבודת השם, איז זייער וויכטיג זיך צו קענען האלטן פעסט און נישט כאפן קיין התפעלות פון די וואס שפעטן אפ.

די סארט בושה - ווען א מיידל שעמט זיך פון די וואס לאכן אפ, און עס גייט איר אן וואס אנדערע טראכטן אויף איר - ברענגען איר צו ווען טון אלעס כדי יענעם צו געפעלן. זי ווערט מבטל זיין איר אייגענעם שכל פאר אנדערע, און פארלירן איר זעלבסטשטענדיגקייט, ווייל יעדע זאך וואס זי טוט, ווערט נאר זיין כדי צו געפעלן פאר דעם אדער פאר יענעם.

אזא מיידל וועט זיך נישט פארבעסערן אין צניעות, אדער אפשטעלן א שמועס פון לשון הרע, ווייל אפשר וועט די אדער יענע איר אויסלאכן. עס וועט ווערן א חלק פון איר לעבן, צו טראכטן שטענדיג, ווי אזוי קען איך געפעלן אין די אויגן פון אנדערע.

למשל: זי גייט מיט לאנגע ארבל, און איר חבר'טע רופט זיך אן צו איר און זאגט, "ס'איז אזוי הייס, צי ארויף אביסל דיינע ארבל". זי וויל איר געפעלן, ציט זי ארויף די ארבל.

אויף אזא מיידל איז א גרויס רחמנות. זי גיט אוועק אלעס - איר גאנצן גוף, איר גאנצע נשמה און איר גאנצן שכל - פאר די פארדארבענע מענטשן. זיי געוועלטיגן אויף איר, און זי אליין האט נישט קיין שליטה אויף זיך.

אויב מען זעט נישט איין אז מען קען מאכן אייגענע באשלוסן צו שטייגן און ערפילן דעם רצון השם, אָן זיך צו קימערן וועגן די מיינונגען פון אנדערע, וועט דאס חס וחלילה אנמאכן פיל שאדן אין לעבן.

לאמיר גוט פארשטיין די סיבה, פארוואס עס זענען דא מענטשן וואס טראכטן אזויפיל פון אנדערע, און ווי אזוי מען קען זיך פון דעם באפרייען.

א קליין קינד האט נאכנישט קיין שכל צו פארשטיין אליין דעם חילוק צווישן גוטס און שלעכטס. ער האט אויך נישט קיין אייגענעם דעת וואס זאל אים אנווייזן, "אזוי און אזוי איז גוט צו טון, און פון דעם און דעם זאלסטו זיך אפהאלטן". ער קוקט אויף די ארומיגע מענטשן און זעט וועלכע זאכן זיי האלטן אז עס איז גוט, אדער נישט גוט. ער כאפט אויף וועלכע זאכן עס געפעלן פאר די גרויסע, און אויף וואס זיי לאכן אים אויס, און ער טוט אלעס כדי צו געפעלן פאר די ארומיגע מענטשן.

ווען דאס קינד ווערט עלטער, באקומט ער צוביסלעך אן אייגענעם פארשטאנד. אויב ער וועט דעמאלט אויך נישט אויפבויען ביי זיך אן אייגענע מיינונג און וועט זיך ווייטער פירן לויט די מיינונגען פון אנדערע מענטשן, וועט ער זיך קיינמאל נישט קענען אפגעוואוינען דערפון, און ער וועט זיך אלעמאל בייגן פאר די נארישע וועגן פון אנדערע. ער וועט שטענדיג זיין פארנומען צו טראכטן ווי אזוי אנדערע קוקן אויף אים און וועט זיך זארגן אז מען זאל פון אים נישט חוזק מאכן. אלעס וואס ער טוט אין לעבן וועט זיין נאר צו געפעלן פאר אנדערע מענטשן.

טייערע אידישע טאכטער! נעם אריין דעם כלל אין דיין הארץ: אויב וועסטו זיך שעמען פון אנדערע מענטשן און וועסט נישט פטור ווערן פון די קינדערישע מדה צו געפעלן פאר אנדערע, וועט דאס מיטוואקסן מיט דיר און שטענדיג בלייבן אין דיר. אפילו ווען דו וועסט אלט ווערן, וועסטו נאך אלץ בלייבן מיט דער קינדערישער איינרעדעניש אז דו מוזסט טון אלעס כדי צו געפעלן פאר דעם און פאר יענעם.

דאס זעלבע איז אויך מיט אנדערע שעדליכע מדות און נארישקייטן וואס זענען נאך פארבליבן אין דיר פון די קינדערישע יארן. אויב וואקסטו זיי נישט אויס, וועלן זיי מיטוואקסן מיט דיר ביז אויף דיינע עלטערע יארן.

געדענק! דו האסט די בחירה אויסצוקלויבן צו טון דעם רצון השם כדי צו "געפעלן פאר דער שְׁכִינָה, און נישט פאר די שְׁכֵנָה".

עס איז מעגליך, אז דיין יצר הרע וועט פרובירן דיך צו פארנארן און זאגן: "פארוואס דארפסטו זיך אזוי שטארק פלאגן צו ארבעטן קעגן דיין נאטור? די חסרונות האסטו נאר ווייל דו ביסט נאך יונג, און ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועלן דיינע מדות זיך אליין פארבעסערן".

אויב עס פאלן דיר איין אזעלכע סארט מחשבות, האב רחמנות אויף זיך אליין און טו זיי איגנארירן! דער אמת איז, אז **עס זענען נאר די יארן וואס עלטערן זיך - אבער נישט דער מענטש**. עס זענען ליידער דא עלטערע מענטשן וואס פירן זיך אויף ווי קליינע קינדער.

די סיבה דערפון איז, ווייל אין די יונגע יארן זענען זיי געווען פויל צו ארבעטן אויף זיך, און זיי האבן זיך פארלאזט אז ווען זיי וועלן עלטער ווערן, וועט זיך אלעס פון זיך אליין פארבעסערן. דאס געשעט אבער נישט פון זיך אליין. אז מען האט א רצון און מען ארבעט אויף זיך ווען מען איז יונג, קען מען בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ זיך פארבעסערן בעפאר מען ווערט אלט.

# פרק טו

# ווי אזוי אויפצובויען דיין אייגענעם פארשטאנד

עס איז קאמיש צו זען, ווי עס זענען דא מענטשן וואס האבן צוויי נאטורן, וואס איין נאטור איז פונקט פארקערט פון דער אנדערע נאטור. פון איין זייט, האבן זיי א נארישע ענוה - זיי טראכטן אז זיי זענען נישט גענוג פארשטענדליך, און דערפאר ווען זיי אויסהערן די מיינונגען פון אנדערע מענטשן און זיי נאכמאכן מיט אלעם, און פון דער אנדערער זייט, זענען זיי שטאלץ און האלטן זיך גרעסער און וויכטיגער פון יעדן איינעם (ווי מיר האבן דערפון פריער גערעדט).

טייערע מיידלעך! איז דען נישט קיין רחמנות אויף אזעלכע מענטשן? דא ווייזן זיי ארויס גאוה און שטאלץ, און דא מאכן זיי זיך פאר א שמאטע, מיט'ן נארישן ציל צו געפעלן פאר דעם און פאר יענעם! זיי גיבן זיך ממש איבער אין די הענט פונעם יצר הרע, אז ער זאל טון מיט זיי וואס ער וויל.

ווען א מיידל איז שטענדיג פארנומען צו זארגן אז דער אדער יענער זאל נישט פון איר חוזק מאכן, און אלעס וואס זי טוט איז כדי צו געפעלן פאר אנדערע, איז איר מיינונג און פארשטאנד - נישט איר **אייגענע**. זי האט מפקיר געווען איר שכל פאר דער פרעמדער גאס.

ווען א קינד וויל נאכמאכן א גרויסן מענטש, טוט ער זיך אן א הוט מיט א רעקל - און יעדער לאכט.

עס גלייבט זיך שווער, אבער עס געפינען זיך ערוואקסענע מענטשן וואס טוען פונקט דאס זעלבע. זיי פירן זיך אויף אזוי ווי קליינע קינדער; נאר מיט איין זאך זענען זיי קלוגער פון א קינד - אז זיי טוען עס אויף אזא וועג אז מען זאל נישט לאכן פון זיי.

א מיידל וואס שטרעבט צו געפעלן פאר אנדערע, ווען זי וועט זען א נייע קלייד וואס איז יעצט "אין סטייל", וועט זי דאס גלייך וועלן קויפן. אפילו אויב עס איז נישט געננוג איידל, וועט זי נאך אלץ וועלן אנטון דאס קלייד, ווייל "יעדער איינער" זאגט אז ס'איז שיין. זי וועט נישט נעמען אין באטראכט אז דער באשעפער וויל נישט אז זי זאל דאס אנטון און נאכמאכן דערמיט אומאראלישע מענטשן וואס לויפן נאך די לעצטע מאדעס.

אזוי אויך אויב מענטשן וועלן זאגן אויף א גוטע זאך אז עס איז שלעכט - צום ביישפיל, זיי וועלן חוזק מאכן פון ערליכע לייען-מאטעריאל - וועט זי אויך אזוי טון. זי וועט נישט נעמען אין אכט, אז דערמיט טוט זי פארשעמען די תורה, די תלמידי חכמים און זייער דעת תורה.

חשוב'ע אידישע טאכטער! אויב דו זעסט אין זיך ענליכקייטן צו אזעלכע סארט מענטשן - באפריי זיך פון דעם וואס שנעלער!

ווי אזוי באפרייט מען זיך דערפון?

די עצה איז, אז ביי יעדע זאך וואס דו טוסט, זאלסטו טראכטן: וועט דאס שאפן א נחת רוח פאר'ן באשעפער? איז עס אויסגעהאלטן לויט דער תורה?

אז דו וועסט זיך איינגעוואוינען אזוי צו טראכטן, וועט דאס ווערן א חלק פון דיין פערזענליכקייט און דו וועסט דורך דעם אנטוויקלען אין זיך אן **אייגענעם** פארשטאנד, וואס איז געבויט לויט'ן **פארשטאנד פון דער תורה און פונעם רצון השם.**

טייערע אידישע טאכטער! וועק אויף אין זיך דיין **אייגענעם פארשטאנד**! וועק אויף דיין אינערליכע געפיל, אז דו ביסט **א איד**! ברענג ארויס דעם גייסט פון די אבות און די אמהות וואס ליגט אין דיר, אז **דער דאזיגער אידישער גייסט** זאל בליען און וואקסן און דיך אויפלעבן צו עבודת השם; אז **דער דאזיגער אידישער גייסט** זאל דיר זאגן, "דאס זאלסטו טון צו דינען דעם באשעפער. **וְהָלַכְתָּ בִּדְרָכָיו** - גיי אין זיינע וועגן, און הער צו דאס קול וואס קומט ארויס פון מויל פון דיינע עלטערן און לערערינס".

דערווייטער זיך פון מענטשן וועלכע זענען ווייט פון דער תורה. לאַך זיך אויס פון זיי. **הֱוֵי עַז כַּנָּמֵר** - זיי פעסט און שטארק ווי א לעמפערט צו גיין אינעם תורה'דיגן וועג, און האב נישט קיין מורא און שעם זיך נישט פאר

קיינעם, אזוי ווי עס שטייט אין ערשטן סעיף פון שולחן ערוך, **וְלֹא יִתְבַּיֵּישׁ מִפְּנֵי בְּנֵי אָדָם הַמַּלְעִיגִים עָלָיו בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.**

אוודאי ביסטו געגוג פארשטענדליך צו וויסן, ווי אזוי זיך צו היטן פון אזעלכע מענטשן, וואס ווילן פרובירן דיר אפן איינרעדן ח"ו אפצולאזן דעם דרך השם; דו ווייסט זיכער אליין ווי אזוי זיך צו דערווייטערן פון זיי.

מיר דארפן דיר אבער שטארק אויפמערקזאם מאכן, זיך צו היטן פון פאלשע מענטשן וואס מאכן אן ערליכן אנשטעל און זאגן דיר:

"מיר האבן אויך מורא פונעם באשעפער, און מיר דינען אים פונקט אזוי ווי דו. דארפסט אבער פארשטיין אז די צייטן האבן זיך געטוישט. היינטיגע צייטן איז **צו שווער** צו זיין אזוי פרום און פאנאטיש. אפילו דער באשעפער אליין פארשטייט אז היינטיגע צייטן דארפן מיר אים שוין נישט דינען אזוי ווי אמאל, און מען מעג שוין אביסל נאכלאזן. ווארף אוועק דיינע אלטמאדישע קליידער. לאז נאך, טו זיך אן מער עלעגאנט, און גיי לויט דער לעצטער מאדע..."

זיי וועלן זיך נישט אפשטעלן ביי דעם, נאר זיי וועלן פרובירן דיך איבערעדן נאכצולאזן חס וחלילה אויך אין שמירת התורה והמצוות און זאגן:

"עס זענען אנדערע צייטן היינט. מיר דארפן מער נישט אזוי שטארק אפהיטן יעדע מצוה און מנהג. מיר דארפן מער נישט זיין אזוי שטרענג ווי אמאל, זיך צו דערווייטערן פון יעדער עבירה. מיר מעגן שוין לייענען נישט-ערליכע ביכער. מיר מעגן שוין ניצן אלע סארטן טעכנאלאגישע כלים און טעלעפאנען, און דאס גלייכן".

דער בעסטער וועג ווי אזוי צו האנדלען מיט אזעלכע מענטשן איז זיי צו איגנארירן און גארנישט ענטפערן!

**אין דיין הארץ** קענסטו זיי ענטפערן: "טאמער האבן זיך די צייטן געטוישט, זענען זיי נאר ערגער געווארן. אמאל האט יעדע מיידל געוואוסט אז א אידישע טאכטער דארף דינען דעם באשעפער און אויפשטעלן אידישע דורות. היינט זענען ליידער דא אזעלכע, וואס ווען זיי גייען ארויס פון שולע, ווארפן זיי גלייך אראפ פון זיך דאס איידלקייט און לאזן נאך דעם ערליכן וועג פון זייערע עלטערן. איז דאס וואס איר ווילט מיר איינרעדן צו טון? ווילט איר מיך אויך קאליע מאכן? ווילט איר אריינווארפן מיין ריינע נשמה אין דער

זעלבער געמיינער געזעלשאפט? ניין, איך וועל אייך נישט פאלגן! איך כאפ זיך אן אין דעם דרך פון דער הייליגער תורה, און קיינמאל וועל איך זיך נישט דערפון אפשיידן".

וועגן זייער נארישער טענה, זאגנדיג:

"די צייטן האבן זיך געטוישט, מען דארף זיך צושטעלן צו די היינטיגע צייטן, מען דארף שוין היינט נישט זיין אזוי צניעות'דיג ווי אמאל".

וואס טראכטן די מענטשן? צי זעען זיי דען נישט אז די וואס פירן זיך בדרך התורה און גייען אנגעטון בצניעות, זענען די וואס שטעלן אויף ערליכע אידישע שטיבער, שיינע, גרויסע משפחות; און די וואס גייען נאך די היינטיגע מאדעס אוןווארפן פון זיך אראפ די קרוין פון צניעות, זיי פאלן נעבעך נידעריגער און נידעריגער, ביז זיי ווערן חס ושלום אינגאנצן אויסגעלאסן און דערווייטערט פון אידישקייט?!

האלט זיך ווייט פון די סארט מענטשן. האלט זיך פעסט מיט דיין קלארער איבערצייגונג, אז דער איינציגסטער וועג פאר א שיין אידיש לעבן, איז זיך צו פירן אויפ'ן תורה'דיגן וועג, מיט צניעות און באשיידנקייט, וואס דאס איז דער גרעסטער לויב פון א אידישע טאכטער.

## פרק טז

# ווי אזוי זיך מחזק צו זיין אין א נישט-ערליכע סביבה

אויב דו געפינסט זיך אין א נישט-ערליכע סביבה, און דו שפירסט אז דאס קען חס ושלום האבן אויף דיר א שלעכטע השפעה - שטארק זיך און האלט זיך פעסט קעגן יעדן נסיון וואס קומט דיר אונטער, און זיי זיך נישט מייאש צו זיין א איד מיט'ן גאנצן הארץ אין אלע אומשטענדן. באהעפט זיך אין באשעפער און פארלאז זיך אויף אים, אז ער וועט זיין מיט דיר שטענדיג אומעטום, אין יעדן ארט און אין יעדן מצב וואס דו וועסט זיך נאר געפינען.

מאך זיכער צו דאווענען ערליך יעדן טאג. גיס אויס דיין הארץ צום באשעפער און דערצייל אים אלע זאכן וואס שטערן דיך.

מיר גיבן דיר דא א ביישפיל ווי אזוי צו זאגן אזא תפילה, אבער דו קענסט דאס טוישן אויף דיינע אייגענע ווערטער און געדאנקען.

די פאלגנדע תפילה איז אקטועל, ספעציעל ווען דו ענדיגסט די שולע-יארן און דו גייסט ארויס ארבעטן. עס קען זיין, אז ביי דעם נייעם ארבעטס-פלאץ געפינסטו זיך אין א סביבה פון מענטשן, וואס זייער דרגא אין שמירת המצוות איז ווייניגער פון וואס דו ביסט צוגעוואוינט פון דער היים און פון שולע, איז זיי מתפלל אז דו זאלסט נישט באאיינפלוסט ווערן פון דער געזעלשאפט און בלייבן פעסט זיך נישט אוועק צו רירן פון דיין מסורה.

למשל, אויב עס געפינען זיך דארט מיידלעך און פרויען וואס זענען ערצויגן געווארן מיט פארגעשריטענע השקפות, און דו ווילסט נישט אז דאס זאל חס וחלילה האבן אויף דיר א שלעכטע השפעה, זיי מתפלל אזוי:

**"הייליגער באשעפער! מיין הארץ און מיין נשמה ציטערן אין מיר. איך בין אזוי ווי א יונג שעפעלע. איך האב א לאנגן וועג פאר מיר; איך גיי אריין אין א וועלט וואס איז פול מיט נסיונות, ארומגענומען מיט אלע סארטן מענטשן וואס קענען אויף מיר האבן א שלעכטע השפעה.**

**"הייליגער באשעפער! דו ביסט דער פאסטוך פון אידישע קינדער, און מיין גאנצע האפענונג לייג איך אויף דיר. איך ווייס אז דו פירסט מיך און דו גיבסט אויף מיר אכטונג אזוי ווי, כביכול, א געטרייער פאסטוך גיבט אכטונג אויף זיינע שעפעלעך, און דאס גיט מיר מוהט און חיזוק.**

**"ווען א שעפעלע איז פארלוירן אין וואלד, און א לייב אדער א בער וויל איר פארצוקן, לאזט זי ארויס א שרעקליך געשריי, און גלייך ווי דער פאסטוך הערט איר שטימע, ערוועקט זיך אין אים דאס רחמנות-געפיל, און ער לויפט שנעל איר ראטעווען, איידער עס איז צו שפעט.**

**"הייליגער טאטע! איך פיל מיך אויך אזוי ווי די פארלוירענע שעפעלע. איך בעט דיר טאטע! ראטעווע מיך! שטארק מיך און נעם מיך אונטער דיין שוץ. איך בין צוגעבונדן צו דיר מיט'ן גאנצן הארץ, און איך נעם זיך אונטער אז אויף יעדן ארט וואו איך וועל זיך נאר געפינען, וועל איך אלעמאל זיך צו דיר ווענדן.**

**"איך בעט דיר, טאטע אין הימל, ראטעווע מיך! העלף מיר, און נעם מיך אונטער דיין שוץ. הייליגער באשעפער! העלף מיר זיך צו פירן אויפ'ן דרך התורה, איך זאל זוכה זיין אויפצוציען קינדער וואס האבן דיך ליב און וועלן באלייכטן די וועלט מיט זייער תורה און מעשים טובים".**

אויך זאלסטו זיך צוגעוואוינען צו דאווענען מיט כוונה און זאגן יעדן טאג תהילים.

שבת און יום טוב זאל פאר דיר זיין א גן עדן. א גאנצע וואך זאלסטו דערויףווארטן מיט בענקעניש, ווייל שבת איז דער טאג וואס דו ווערסט באפרייט פונעם וועלטליכן רעש און טומל, און דו שפאצירסט אריין אין גן עדן. במשך דעם שבת, פרוביר צו פארברענגען מיט דיינע חבר'טעס, שמועס מיט זיי ערליכע און תורה'דיגע ענינים. פון צייט צו צייט זאלסטו אויך אריינקוקן אביסל אין ספרי מוסר, וואס דערמאנען אז מען זאל זיך האלטן אויף דעם ריכטיגן וועג.

## פרק טז

דו זאלסט שעצן און זיך האלטן נאנט מיט דיינע פריערדיגע ערליכע חבר'טעס. דו זאלסט זיך מיט זיי צוזאם טרעפן פון צייט צו צייט, ספעציעל אין שבתים און ימים טובים.

און צו די גליקליכע מיידלעך וואס האבן זוכה געווען צו בלייבן אין א היימישע, ערליכע סביבה: איר דארפט דאנקען און לויבן השם יתברך אויף דער גרויסער זכיה זיך צו קענען ווייטער האלטן אין שאטן פון דער הייליגער שכינה. איר דארפט זיך אבער בענקען צו די פריערדיגע צייטן, ווען איר זענט אלע געווען צוזאמען אין שולע, אין דער לויטערער אטמאספערע, מיט'ן גוטן חינוך וואס איר האט דארט באקומען, און טוט אלס וואס מעגליך זיך צו האלטן ווייטער צוזאמען.

## פרק יז

# זיך דערנענטערן צום טאטן אין הימל

טייערע אידישע טאכטער! ביז יעצט האבן מיר גערעדט ווי אזוי מקיים צו זיין **סוּר מֵרָע** - זיך אפקערן פון שלעכטס. אונזערע ווערטער ביז אהער זענען געווען אַן עפענונג דיר צו העלפן דערגרייכן דיין תפקיד. מיר האבן ארומגערעדט וועגן שוואכע מדות, ווי פוילקייט, נאכגעלאזנקייט און נאכמאכן אנדערע מיידלעך.

מיר האבן געלערנט ווי אזוי זיך צו רייניגן פון די שלעכטע מדות וואס האלטן אונז אפ פון שטייגן אין עבודת השם. דאס איז אזוי ווי מען רייניגט אויס א צימער פונעם שטויב וואס האט זיך דארט אנגעלייגט. כאטש דאס איז א גוטער אנהייב, איז דער צימער אבער נאכנישט גרייט אויפצונעמען דארט דעם קעניג. מען דארף עס נאך גוט רייניגן, וואשן און באצירן מיט בלומען און טייערע כלים, כדי עס זאל זיין פאסיג פאר'ן קעניג דארט אריינצוקומען.

כדי צו זיין אן אמת'ער איד - א חלק פון דעם **עַם סְגֻלָּה** וואס איז נאנט צום באשעפער, לויט ווי דער באשעפער האט פארלאנגט פון אונז אויפ'ן בארג סיני - דארף מען אבער אויך מקיים זיין דעם **עֲשֵׂה טוֹב** - טון גוטס. מען דארף זיך רייניגן און שטייגן העכער און העכער, כדי צו ווערן נענטער צום באשעפער.

אין מדרש ווערט געברענגט (קהלת רבה א, ט): **מִי נִבְרָא בִּשְׁבִיל מִי** - ווער איז באשאפן געווארן צוליב וועם? **יִשְׂרָאֵל בִּשְׁבִיל הַתּוֹרָה, אוֹ הַתּוֹרָה בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל** - אידן זענען באשאפן געווארן צוליב דער תורה, אדער די תורה איז באשאפן געווארן צוליב אידן? זאגט דער מדרש, **הַתּוֹרָה בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל** - די תורה איז באשאפן געווארן צוליב אידן.

וואונדער איבער וואונדער! די הייליגע תורה, דעם באשעפער'ס תורה, וואס מלאכים און שרפים האבן אזוי שטארק געגלוסט דערצו, דאס איז באשאפן געווארן נאר פאר איין צוועק - פאר די אידן!

שטעל זיך פאר: דער באשעפער קומט אן צום בארג סיני, צוזאמען מיט צענדליגער טויזנטער הייליגע מלאכים; די שטימע פון השי"ת דונערט אין די הימלען, און זיין כבוד אנטפלעקט זיך אויף דער גאנצער וועלט. און דאס אלעס איז נאר צוליב אונז, אידן!

דער גאנצער ציל וואס הקב"ה האט דאס אלעס געטון און אראפגעקומען נאנט צו אונז, איז געווען נאר כדי דיך אויסצואוועלן אלס א איד, **עַם קְרוֹבוֹ** - דאס נאנטע פאלק פון באשעפער.

כדי צו זיין א טייל פונעם פאלק וואס איז נאנט צום באשעפער, פאדערט זיך אבער פון דיר א שטענדיגע ארבעט און אסאך געוואוינהייט. דארפסט אויפוועקן דיין נפש פון איר פארשלאפנקייט, כדי זיך צו דערנענטערן צו דיין טאטן אין הימל, וואסווארט אזוי שטארק אויף דיר.

## פרק יח

# א פשוט'ער איד דארף אויך שטרעבן צו העכערקייט

חשוב'ע תלמידה! אין דעם פרק וועסטו זיך אויסלערנען ווי אזוי אנצוהאלטן דיין נאנטקייט צום באשעפער און פארזיכערן אז דאס זאל ווערן ממש **א חלק פון דיר!**

דאס איז א זאך וואס איז געאייגנט נישט נאר פאר גרויסע צדיקים און צדקניות, נאר אפילו יעדער פשוט'ער איד דארף שטארק שטרעבן אז זיין **גאנצער מהות** זאל ווערן דערנענטערט צום באשעפער.

אמת, די גרויסקייט פון צדיקים און זייער נאנטקייט צום באשעפער איז אסאך העכער ווי א פשוט'ער איד קען זיך אפילו פארשטעלן, אבער יעדער איד איז א **חֵלֶק אֱלֹקַ' מִמַּעַל** - א טייל פונעם געטליכקייט פון השי"ת, און ער דארף פרובירן צו עפענען זיין הארץ און אויפוועקן זיין נפש, כדי צו קענען ריכטיג ווערן נאנט צום באשעפער.

דיין הארץ דארף זיך ערוועקן מיט בענקשאפט צום באשעפער, אזוי ווי דוד המלך ע"ה זאגט (תהלים סג, ב): **צָמְאָה לְךָ נַפְשִׁי** - מיין נפש דארשט צו דיר.

ביי מתן תורה האט משה רבינו געזאגט צו די אידן (דברים ד, לה): **אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת** - דו ביסט געוויזן געווארן צו וויסן (השי"ת האט געוויזן פאר די אידן), **כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים** - אז דער באשעפער איז דער ג-ט, **אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ** - עס איז גארנישט דא אויסער אים. דאס מיינט, אז עס איז נישטא קיין שום כוח אויף דער וועלט אויסער דעם באשעפער.

משה רבינו האט אויסגערופן, נישט נאר פאר זיין דור, נאר אויך פאר אלע קומענדיגע דורות, אז די תורה איז נצחיות - אן אייביגקייט. משה רבינו

איז אונזער אייבּיגער מנהיג, און אויך היינט רופט ער אויס צו יעדן אידישן הארץ און צו יעדער אידישער נשמה: "**ה' הוּא הָאֱלֹקִים** - דער באשעפער איז דער ג-ט, **אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ** - עס איז גארנישט דא אויסער אים!"

עס איז אבער נישט גענוג אז מען ווייסט און מען טראכט דערפון ווי עפעס וואס איז ווייט פון אונז, נאר **הָרְאֵתָ לָדַעַת** מיינט, אז מיר דארפן **שטענדיג וויסן און שפירן** אז "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ" - **עס איז גארנישט דא אויסער דעם באשעפער**.

משה רבינו זאגט אונז אין דער תורה (דברים ד, לט): **וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם** - און דו זאלסט וויסן היינט, **וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ** - און דו זאלסט דאס אריינגעמען אין דיין הארץ, **כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים** - אז השי"ת איז דער ג-ט, **בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת** - אין הימל פון אויבן, און אויף דער ערד פון אונטן, **אֵין עוֹד** - עס איז גארנישט דא אויסער אים.

טראכט גוט אריין אין די ווערטער: **וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ** - דו זאלסט דאס אריינגעמען אין דיין הארץ. ווען דו נעמסט דאס אריין אין די טיפעניש פון דיין הארץ, וועסטו וויסן אז דער באשעפער איז דער ג-ט.

וואס איז די זאך וואס ערוועקט אין דיין הארץ די מורא פון באשעפער? פארוואס ווילסטו אזוי שטארק טון מצוות און מעשים טובים און דאוועגען ערליך?

דאס קומט פון דעם וואס יעדער איד איז מקושר מיט'ן באשעפער אויף אייביג. ביי מתן תורה האט יעדער איד געהערט פון השי"ת די ווערטער **אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ** - איך בין דער באשעפער, דיין ג-ט. און דאס איז וואס ליגט אין טיפעניש פון דיין הארץ און ציט דיר צו טון דעם רצון השם.

אין מדרש (בראשית רבה כט, א) שטייט, אז ווען אברהם אבינו האט געזען די וועלט וואס השי"ת האט באשאפן, האט ער געזאגט: **תֹּאמַר שֶׁהָעוֹלָם הַזֶּה בְּלֹא מַנְהִיג** - אפשר וועסטו זאגן אז די וועלט האט נישט קיין פירער? אברהם אבינו האט נישט געזאגט, בְּלֹא **בּוֹרֵא** - אָן איינעם וואס האט באשאפן די וועלט, אדער בְּלֹא **בּוֹנֶה** - אָן איינעם וואס האט אויפגעבויט די וועלט, נאר בְּלֹא **מַנְהִיג** - אָן א פירער.

ווען איינער גלייבט אז השם יתברך האט באשאפן די וועלט, איז ער נאך אלץ נישט קיין ריכטיגער איד אויב ער גלייבט נישט באמונה שלימה אז **דער**

**באשעפער פירט די גאנצע וועלט און יעדע זאך וואס געפינט זיך אויף דער וועלט, יעדע רגע מיט השגחה פרטית**, אזוי ווי מיר זאגן אין דעם ערשטן "אני מאמין": **אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים** - איך גלייב מיט א גאנצער אמונה, אז השם יתברך איז דער באשעפער און דער פירער פון אלע באשעפענישן.

די ידיעה אז עס איז דא א **מנהיג** וואס **ער פירט אלעס שטענדיג**, דאס האבן מיר באקומען בירושה פון אונזערע עלטערן ביי מתן תורה, און דאס גייט צוריק ביז אברהם אבינו. ער איז געווען דער ערשטער מענטש וואס האט אנערקענט אז עס איז דא א באשעפער, וואס ער האט באשאפן און ער **פירט** די וועלט, און מיר דארפן דאס שטענדיג געדענקען. מיר דארפן לעבן דערמיט און דאס איינקריצן און שפירן אין אונזער הארץ און אין אונזער גוף.

די אמונה און קשר צו השם יתברך איז א חלק פון אונזער נאטור. מיר קענען דאס נישט פארשטיין מיט'ן שכל. יעדער איד פילט פון צייט צו צייט עפעס א פונק אין זיין הארץ און נפש, ווייל זיין נפש דערהערט די רייד פון באשעפער וואס גיט דעמאלט א בליק אויף אים, און זאגט צו אים, "**אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ** - איך בין דיין באשעפער".

די סיבה פארוואס מיר דערהערן דאס נישט שטענדיג און מיר שפירן נישט גענוג דעם פונק אין אונזער הארץ, איז צוליב דעם וואס מען איז צו שטארק אריינגעטון אין גשמיות. דאס הארץ איז פארנומען מיט הבלי עולם הזה. יעדער איד דארף אבער שטענדיג האלטן פאר די אויגן דעם אמת'ן ציל פון זיין לעבן, וואס דאס איז צו טון דעם רצון פון באשעפער. מען דארף זיך אנכאפן אין די הייליגע זמנים, די שבתים, די ימים טובים און די ימים נוראים, און דעמאלט אריינגעמען אין זיך, אויך אויף די אנדערע טעג, אז **ה' הוּא הָאֱלֹקִים** - השם יתברך איז דער באשעפער, **אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ** - עס עקזיסטירט גארנישט אויסער אים.

אפשר טראכסטו אמאל צו זיך: **אוי, ווי גוט עס וואלט מיר געווען, אויב איך וואלט געקענט זיין נאנט צום באשעפער, אזוי ווי די אמאליגע צדקניות! ווי גליקליך וואלט איך געווען, אויב איך וואלט געווען נאנט צו השם יתברך און אים געקענט דינען אזוי ווי די הייליגע אמהות שרה, רבקה, רחל און לאה!** פון וואו קומען די געדאנקען צו דיר? וויסן זאלסטו, אז עס איז דיין נשמה וואס פארלאנגט דאס! **וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ כִּי ה' הוּא**

**הָאֱלֹקִים** - ווען דו ווערסט דאס אריינגענומען אין דיין הארץ, ווערסטו וויסן אז דער באשעפער איז דיין ג-ט.

דו דארפסט שטענדיג געדענקען אז דו ביסט א דינסט פון דעם באשעפער וואס איז נאנט צו אים, און דאס וועט שטארקן דיין אמונה אין באשעפער. דורכ'ן טאג, ווען דו קענסט נאר, רעד צום באשעפער. זאג, אדער טראכט: "**באשעפער! איך גלייב אין דיר מיט מיין גאנצן הארץ. הייליגער טאטע און קעניג פון דער וועלט! עס איז ביי מיר קלאר ווי דער טאג, אז דו ביסט דער האר פון דער וועלט. דו האסט באשאפן אלע וועלטן, מיט אלעם וואס געפינט זיך אין זיי. דו האסט באשאפן די מלאכים אין הימל און די קליינע באשעפענישן אויף דער ערד. דו נעמסט מיך ארום, און דו געפינסט זיך אין מיין גוף און אין מיין נשמה. איך בין דיין דינסט, און איך גיב זיך איבער איבער פאר דיר!**"

טראכט שטענדיג דערפון, ווייל אין דעם ליגט אלעס.

אזוי אויך ווען דו זאגסט די דרייצן "אני מאמין'ס", זאלסטו טראכטן פון אט-די געדאנקען, און דורך דעם וועט דיין אמונה אין השם יתברך ווערן אסאך שטארקער.

## פרק יט

# ווי אזוי צו פארטרייבן
# דעם יצר הרע

ווי מיר האבן שוין פריער ערקלערט (פרק יז), פאדערט זיך א שטענדיגע ארבעט און אסאך געוואוינהייט זיך צו רייניגן פון יעדער שלעכטער מדה און צו פארטרייבן פון זיך דעם יצר הרע. כאטש די ארבעט דארף טאקע פון אנהייב צוגיין ביסלעכווייז, דארף עס אבער זיין מיט אן איבערגעגעבנקייט און מיט אן אנטשלאסנקייט צו פולשטענדיג פארטרייבן פון זיך דעם יצר הרע.

לאמיר דאס ערקלערן מיט א משל:

א שונא איז געקומען מלחמה האלטן מיט א לאנד, און ער האט איינגענומען דעם קעניג'ס פאלאץ און זיך דארט באזעצט. דער אויפזעער פונעם פאלאץ האט שטארק געקעמפט מיט'ן שונא, און אין יעדער צימער וואס ער האט באוויזן צו באפרייען פונעם שונא'ס האנט, איז דער קעניג שנעל אריינגעקומען און זיך דארט צוריק באזעצט.

מיט דער צייט איז דער אויפזעער פויל געווארן **אין זיין קאמף**, און נאכמער פון דעם, דער קעניג איז געוואר געווארן אז דער אויפזעער האט אפילו שטילערהייט שלום געמאכט מיט'ן שונא. דער קעניג איז געווארן שטארק אויפגעברויזט און האט אים פארגעהאלטן מיט צארן: "פארוואס האסטו איבערגעגעבן מיין וואוינונג צום שונא און מיט אים שלום געמאכט? ווי אזוי האסטו נאך די חוצפה מיך אויסצונארן און זאגן, 'דו ביסט מיין קעניג און איך בין דיין קנעכט'?!"

דער נמשל איז אזוי: דיין גוף און דיין נשמה איז דעם באשעפער'ס פאלאץ, דאס ארט וואו דער באשעפער וויל רוען. דער שונא פונעם קעניג, דער יצר הרע, האט זיך אבער אריינגעכאפט און באזעצט אין דיר.

ווען דער באשעפער זעט אז דו - דער אויפזעער פון זיין פאלאץ - האסט פארנאכלעסיגט דיין תפקיד, און נישט נאר וואס דו האסט צוגעלאזט אז דער יצר הרע זאל זיך באזעצן אין דיר, האסטו נאך אויך שלום געמאכט מיט אים; ביסט געווארן אונטערטעניג צו אים און דו פאלגסט זיינע רייד - וועט דער באשעפער, כביכול, זיך בייזערן אויף דיר און פרעגן: "אז דו מאכסט שלום מיט מיין שונא און דו פאלגסט אלעס וואס ער הייסט דיר, ווי אזוי קענסטו מיך נאך אויסנארן און זאגן מיט'ן מויל: **בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם** - געלויבט ביסטו, השם יתברך, אונזער ג-ט, דער קעניג פון דער וועלט?"

דער באשעפער האט אונז געגעבן א **בחירה** אויסצואוועלן צווישן גוטס און שלעכטס. אמת, ער האט אונז געגעבן דעם נסיון פון א יצר הרע, אבער ער האט דאך אונז אויך געגעבן די **תורה און מצוות**, מיט וואס צו באזיגן דעם יצר הרע.

כדי צו זיין נאנט צום קעניג פון דער וועלט, דארפסטו אנהייבן צו ארבעטן פלייסיג צו רייניגן דיינע מדות און מחשבות, אז דער יצר הרע זאל פולשטענדיג פארטריבן ווערן פון דיר און נישט געפינען אין דיר קיין שום פלאץ. דו דארפסט טון אלעס וואס דו קענסט, אז נאר דער באשעפער אליין זאל קעניגן אויף דיינע מדות און אויף דיינע מחשבות. אלעס וואס דו רעדסט, אלעס וואס דו טראכסט און אלעס וואס דו טוסט, זאל זיין נאר צו ברענגען א נחת רוח פאר'ן באשעפער.

די תורה לערנט אונז ווי אזוי א איד קען פארטרייבן פון זיך דאס שלעכטס און זיך טוישן צו זיין גוט און הייליג. השי"ת זאגט אונז (דברים ל, יט): **הַחַיִּים וְהַמָּוֶת נָתַתִּי לְפָנֶיךָ** - איך האב דיר געגעבן דאס לעבן און דעם טויט. דער באשעפער גיט אונז דעם כוח פון **בחירה**. א בהמה און א חיה האבן נישט קיין בחירה צו קענען אויסוועלן וואס צו טון, אבער פאר'ן מענטש האט דער באשעפער **יא** געגעבן א בחירה, כדי ער זאל זיך קענען אויסוועלן דעם ריכטיגן וועג. דער באשעפער זאגט ווייטער און בעט זיך ביי אונז, אזוי ווי א דערבארעמדיגער טאטע, **וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים לְמַעַן תִּחְיֶה אַתָּה וְזַרְעֶךָ** - דו זאלסט זיך אויסוועלן דעם וועג וואס פירט צום לעבן, כדי דו און דיינע קינדער זאלן לעבן.

טייערע אידישע טאכטער! ווען דו טוסט גמילות חסדים און מעשים טובים, אדער ווען דו דאווענסט מיט כוונה, פילסטו דען נישט דעמאלט

א נאנטקייט צום באשעפער? איז דיר דען נישט גרינגער דעמאלט צו פארבעסערן דיינע מדות?

דו ווילסט דאך זיכער שטייגן. דו ווייסט שוין, אז דאס איז נישט עפעס וואס איז באשטימט נאר פאר גרויסע צדיקים און צדקניות, נאר יעדער איינער דארף שטרעבן זיך צו דערהייבן לויט זיין מצב, אזוי ווי דוד המלך זאגט (תהלים לד, ט): **טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'** - פארזוכט, וועט איר זען ווי גוט עס איז צו זיין מיט'ן באשעפער. דורך דעם וואס מען ארבעט אויף זיך, מכניע צו זיין דעם יצר הרע און צו טון מצוות און מעשים טובים, קען מען זוכה זיין צום אמת'ן געפיל און אנערקענונג, אז **וַאֲנִי קִרֲבַת אֱלֹקִים לִי טוֹב** (תהלים עג, כח) - די נאנטקייט צום באשעפער איז מיר גוט.

ביי יעדע זאך וואס דו טוסט, זאלסטו טראכטן: איז דאס א זאך וואס דער באשעפער וויל פון מיר? וועט מיך די פעולה דערנענטערן צום באשעפער? אדער וועט עס מיך, חס וחלילה, דערווייטערן פון באשעפער?

צום ביישפיל, ווען איך פאלג נישט וואס מיינע עלטערן אדער די לערערינס זאגן מיר, וועט עס מיך ברענגען נענטער צום באשעפער, אדער וועט עס מיך דערווייטערן פון באשעפער? וועט דער באשעפער זיין צופרידן מיט'ן קלייד וואס איך וויל יעצט אנטון, אדער חס וחלילה נישט? וועלן די ווערטער וואס איך וויל יעצט ארויסזאגן פון מיין מויל מיך דערנענטערן צו השם יתברך - ווייל דאס זענען ווערטער פון תפילה, ערליכע ברכות, חיזוק פאר א צווייטן; אדער עס וועט מיך דערווייטערן - ווייל דאס זענען רייד פון שקר, לשון הרע, פארשעמען א צווייטן, אדער נישט-איידעלע ווערטער?

אז דו וועסט אויסוועלן דעם וועג פון **חַיִּים** - דאס אמת'ע לעבן, וועט עס דיך ברענגען נענטער און נענטער צו השם יתברך. דו וועסט אנקומען צו א מצב וואס דו וועסט שטענדיג שטרעבן און טראכטן "וואס נאך קען איך טון צו שאפן א נחת רוח פאר'ן באשעפער?"

## פרק כ

# דער באשעפער ווארט צו הערן דיינע תפילות

דער עיקר פון **תפילה** איז אויסצוגיסן דאס הארץ צום באשעפער און ערוועקן דעם נפש אז עס זאל גלוסטן צו ווערן נאנט צום קעניג פון דער וועלט, דער מלך מלכי המלכים. דער באשעפער ווארט אז דו זאלסט זיך דערנענטערן צו אים דורכ'ן דאווענען צום באשעפער מיט דיין גאנצן הארץ.

אין מדרש שטייט, אז דאס דאווענען איז נישט באשטימט געווארן בלויז ווי א מיטל געהאלפן צו ווערן דורך דעם פון די דאגות און די צרות, נאר טיילמאל שיקט דער באשעפער שוועריגקייטן פאר א מענטש טאקע צוליב דעם, אז ער זאל ערוועקט ווערן מתפלל צו זיין צום באשעפער פון טיפעניש פון זיין הארץ און פון זיין נשמה.

ווען דו דאווענסט שמונה עשרה, קענסטו אויפוועקן דיין הארץ דורכ'ן בעטן פון באשעפער זאכן וואס דו דארפסט, למשל: **אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת** - דו שענקסט פאר'ן מענטש וויסן, **חָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וְדַעַת** - שענק אונז חכמה, פארשטאנד און וויסן, **רְפָאֵנוּ** - הייל אונז אויס, **בָּרֵךְ עָלֵינוּ ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת הַשָּׁנָה הַזֹּאת** - השם יתברך, אונזער ג-ט, בענטש אונז דאס יאר. אט-די זאכן וואס דו בעטסט, וועלן דיך אנווארעמען אויסצוגיסן דיין הארץ און בעטן דעם באשעפער צו שיקן געזונט און הצלחה פאר דיר און פאר דיין גאנצע משפחה.

**אז דו וועסט זיך צוגעוואוינען צו דאווענען מיט געפיל**, וועט דאס אויפוועקן דיין נפש און שאפן א נאנטן קשר פון דיר צום באשעפער. **און נישט נאר ווען דו בעטסט אויף דיינע אייגענע געברויכן, נאר אזוי אויך** ווען דו וועסט זאגן פאר'ן באשעפער **אַתָּה קָדוֹשׁ וְשִׁמְךָ קָדוֹשׁ** - דו ביסט הייליג

און **דיין** נאמען איז הייליג, וועט דיין נפש באגייסטערט ווערן און דו וועסט שפירן ממש ווי דו שטייסט פאר'ן באשעפער, דו רעדסט צו אים אליין, דו לויבסט זיין הייליגן נאמען און דו זאגסט צו אים, "**דו** ביסט הייליג און **דיין** נאמען איז הייליג!"

אזוי אויך ביי אנדערע תפילות: **בְּכָל יוֹם אֲבָרֲכֶךָּ וַאֲהַלְלָה שִׁמְךָ לְעוֹלָם וָעֶד** - יעדן טאג וועל איך דיך בענטשן, און איך וועל לויבן דיין נאמען אויף אייביג. **תְּהִלַּת ה' יְדַבֶּר פִּי** - מיין מויל וועט רעדן דעם לויב פון באשעפער. **וְכֹל הַחַיִּים יוֹדוּךָ סֶּלָה וִיהַלְלוּ וִיבָרְכוּ אֶת שִׁמְךָ הַגָּדוֹל** - און אלע לעבעדיגע וועלן דיך דאנקען שטענדיג, און זיי וועלן לויבן און בענטשן דיין גרויסן נאמען. ווען דו וועסט דאס זאגן מיט כוונה און געפיל, וועט דיין נפש דורך דעם ווערן ערוועקט צו שפירן דאס זיסקייט פונעם הייליגן באשעפער.

בשעת דו דאווענסט, טראכט אז **יעצט איז די וויכטיגסטע מינוט אין דיין לעבן**. עס איז נישטא קיין נעכטן, און עס איז נישטא קיין מארגן. **יעצט** איז די צייט וואס דיין דערבארעמדיגער טאטע הערט אויס יעדע בקשה וואס דו בעטסט פון אים.

שטעל זיך אויך פאָר ווי עס עקזיסטירט גארנישט אויף דער גאנצער וועלט, נאר דו און דער באשעפער. טראכט אז דו ביסט זיין **בַּת יְחִידָה**, די איינציגסטע טאכטער פון באשעפער, און דו האסט יעצט מיט אים א פריוואטע אויפנאמע. דיין ליבער טאטע אין הימל האט אלעס געשטעלט אין א זייט און ער גלוסט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט אויסצוהערן ווי דו גיסט צו אים אויס דיין הארץ.

## פרק כא

# זיך אנשליסן מיט די געזאנג פון מלאכים און אידן

בעפאר דו הייבסט אן צו דאווענען, שטעל זיך פאר ווי דו שטייסט פאר'ן הייליגן באשעפער, וואס זיין כבוד פילט אן די גאנצע וועלט. קוק ארויף צום הימל, קאנצענטריר זיך אין דיינע געדאנקען און טראכט:

איך שטיי דא אונטן אויף דער וועלט, און דארט אויבן אין הימל איז דא גאנץ אן אנדערע וועלט - א וועלט וואס איז פול מיט מלאכים, שרפים און נשמות פון די אבות און אמהות, צדיקים און צדקניות. אמת, דא אונטן אויף דער וועלט איז דער באשעפער באהאלטן, אבער דארט, אויף יענער וועלט, איז די שיין פון זיין כבוד אנטפלעקט. איך שטיי דא אויף דער וועלט, און איך זאג **בָּרוּךְ אַתָּה ה'** - געלויבט ביסטו, השי"ת. מיינע אויגן זענען געווענדן צו דיר באשעפער, און דיר טו איך לויבן. איך קוק צו דיר, און כאטש איך זע דיך נישט, לויב איך דיר, און איך רעד צו דיר.

כדי צו וויסן וואספארא רושם אזעלכע מחשבות מאכן אין הימל, הער דעם דבר השם, די רייד פון הייליגן באשעפער (ווי עס ווערט געברענגט אין "ספר היכלות", און א חלק דערפון אין "טור" אורח חיים, סימן קכה):

**"הימלען און יורדי מרכבה! געלויבט זענט איר פאר מיר. דערציילט פאר מיינע קינדער וואס איך טו ווען זיי הייליגן מיין נאמען און שרייען אויס 'קדוש קדוש קדוש'. לערנט זיי אויס אויפצוהייבן זייערע אויגן צום הימל, וואו זייערע תפילות גייען ארויף, אז זיי זאלן זיך דערהייבן נאך העכער. ווען די אויגן פון אידן זענען געווענדן צו מיינע אויגן, און מיינע אויגן צו זייערע, איז נישטא פאר מיר נאך אזא פארגעניגן אויף דער גאנצער וועלט. איך כאפ דעמאלט אן מיין כסא הכבוד, וואס**

**דאס געשטאלט פון יעקב אבינו איז אין אים איינגעקריצט, און איך נעם ארום און קוש יעדן איינציגן איד. איך געדענק זייער גלות און איך ברענג נענטער זייער גאולה**".

קענסטו זיך דען פארשטעלן אזא געהויבנקייט? אונזערע אויגן קוקן אין דער הייך, און דער באשעפער, כביכול, קוקט צוריק אראפ אויף אונז און ער האט דערפון א פארגעניגן. טאטע און זון קוקן זיך אן איינער דעם אנדערן, און פון גרויס ליבשאפט נעמט דער טאטע ארום דעם זון, האלדזט אים און קושט אים. דאס הארץ צעגייט און דאס נפש ציטערט אויף, צעפלאמט זיך און רופט אויס: "צו מיין טאטן, צו מיין הייליגן טאטן, טו איך זיך דערהייבן, צו אים טו איך זיך דערנענטערן!"

זאלסט אבער נישט מיינען, טייערע טאכטער, אז בלויז מיט די מיטלען אליין וואס מיר האבן דיר דא פארצייכנט, קענסטו אויפוועקן דיין נפש. ניין! יעדער איד וואס ארבעט אויף זיך וועט פון מאל צו מאל געפינען נאך וועגן און מיטלען ווי אזוי צו ערוועקן זיין נפש צו דאווענען מיט א התלהבות און ארויסגיין פון די באהעלטענישן פונעם גוף זיך צו דערנענטערן צום באשעפער.

עס איז מעגליך, אז טיילמאל וועלן זיך אין דיר ערוועקן געדאנקען פון תשובה, מיט א בענקשאפט און א גלוסטעניש צום באשעפער, אָן קיין פריערדיגע צוגרייטונג.

די גוטע אוןווארעמע געדאנקען קומען אסאך מאל אויף אין די געהויבענע זמנים. למשל, אין די ימים נוראים ביים דאווענען, ווען מען זינגט און מען לויבט דעם באשעפער: **אַתָּה הוּא אֱלֹקֵינוּ בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ** - דו ביסט אונזער ג-ט, אין הימל און אויף דער ערד, דו הייבסט אן מיטזינגען די ווערטער אין געדאנק. דיין הארץ פלאמט און דו טראכסט צו זיך: די מלאכים אין הימל און די מענטשן אויף דער ערד זינגען דאך יעצט א געזאנג צום גרויסן באשעפער וואס דערהייבט זיך איבער זיי. וואספארא שייכות האב איך - א פשוט'ע מיידל - צו דעם אלעם? ווי אזוי קען איך זיך אנשליסן מיט די געטליכע מלאכים וואס זינגען שירה, און מיט די וואס דערפרייען, כביכול, דעם באשעפער?

פלוצלינג - ווי עס וואלט אריינגעבלאזן געווארן אין דיר א גייסט פון ערמוטיגונג - טראכסטו צו זיך: אזוי איז דאך דער שטייגער פון א **שמחה**: די מוזיק און די זינגערס שפילן און זינגען, די מחותנים און אלע חשוב'ע געסט

זענען לוסטיג און פרייליך, און אויך די איינפאכע שטאטישע קינדער זינגען, פאטשן מיט די הענט און פרייען זיך מיט דער שמחה. און אויך דאס איז א טייל פון דער חתונה און די שמחה.

דאס זעלבע איז יעצט מיט מיר. ווען איך זע אין געדאנק די גרויסע פארזאמלונג פון מלאכים אין הימל, צוזאמען מיט אידן דא אונטן, וואס זינגען שירה צום מלך מלכי המלכים, און דער באשעפער הערט אויס זייער לויב-געזאנג און ער פריידט זיך און בארימט זיך מיט זיי, טו איך - פונקט ווי די איינפאכע שטאטישע קינדער - זיך אנשליסן אין זיי מיט'ן גאנצן כוח, **און מיין הארץ** וואס גלוסט צום הייליגן באשעפער, זינגט מיט די שירה מיט די הייליגע מלאכים אין הימל און מיט די אידן דא אויף דער ערד .

מיט אט-די געדאנקען, צעפלאקערט זיך דיין הארץ מיט פרייד, און דיין גייסט ווערט דערהויבן מיט א נאנטקייט צום הייליגן באשעפער.

אז דו וועסט איינגעוואוינען דיין נפש אזוי צו שפירן, וועסטו באקומען א ספעציעלע קשר צום טאטן אין הימל, וואס דאס וועט דיר באגלייטן א גאנץ לעבן.

## פרק כב

# די הימלישע מדות וואס ליגן אין דער נשמה פון יעדן איד

דער באשעפער האט אונז באשאנקען מיט א וואונדערליכע מתנה: יעדער איד האט די מעגליכקייט איבער צו טוישן זיינע שלעכטע מדות אויף גוטע מדות און דינען מיט זיי דעם באשעפער.

מיר קענען איבערטוישן אונזער גאנצע פערזענליכקייט, ווי עס פאסט זיך פאר איינעם וואס באלאנגט צום הייליגן, אויסדערוועלטן פאלק, דאס "קעניגרייך פון הארן".

א מענטש קען אויף זיך ארבעטן, זיך צו פירן שטענדיג לויט'ן רצון השם, אזוי ווי השי"ת האט מיט אונז אויסגענומען ווען ער האט אונז אויסגעוועלט פאר זיין פאלק.

כאטש עס קען זיך פאר איינעם דאכטן אז ער האט אין זיך מדות וואס זענען בעצם שלעכט, האט אבער דער באשעפער אונז געשיקט דעם הייליגן **בַּעַל שֵׁם טוֹב** און זיינע הייליגע תלמידים זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, די באלייכטער פון אידישן פאלק, וואס זיי האבן אונז אויסגעלערנט, אז די מדות פון א איד זענען הייליג. די מדות קומען אראפ פון הימל און זיי פארשפרייטן זיך פון דארט אויף דער וועלט. נאר וואס דען? ווען איינער ווייסט נישט ווי אזוי זיך צו פירן מיט די מדות, קוקן זיי אויס ווי זיי זענען שלעכט, פונקט ווי ריינע וואסער זעט אויס אומריין, ווען עס ליגט אין אן אומרייינער פלאש.

מיר זאגן אין "ויברך דוד" ביים דאווענען: **לְךָ ה' הַגְּדוֹלָה, וְהַגְּבוּרָה, וְהַתִּפְאֶרֶת, וְהַנֵּצַח, וְהַהוֹד** - צו דיר, השי"ת, איז די גרויסקייט, און די שטארקייט, און די שיינקייט, און דער זיג, און די פראַכט. דאס זענען די

הייליגע הימלישע "מדות" - וואס ווערן אנגערופן "סְפִירוֹת", וואס דער באשעפער טוט זיך, כביכול, אין זיי באהאלטן, און דורך זיי שיקט ער אראפ השפעות טובות אויף די וועלטן וואס ער האט באשאפן.

פון אט-די הייליגע "ספירות", שיקט דער הייליגער באשעפער אויך אראפ א ליכטיגקייט טיף אין אונזערע נשמות. דאס זענען די מדות וואס מיר האבן אין זיך, וואס השי"ת שיינט זיי אריין אין די נשמות פון אונז, אידן, וואס זענען אזוי נאנט צו אים.

לאמיר נעמען, למשל, די מדה פון גמילות חסדים, וואס איז איינע פון די מדות וואס יעדער איד האט אין זיך. דאס איז די מדה פון "**גְּדוּלָה**" - גרויסקייט, וואס קומט פון דער הייליגער "ספירה" וואס הייסט "**חֶסֶד**". אט-די ספירה דריקט אויס די העכערע אהבה, די ליבשאפט וואס השי"ת האט צו די אידן, און אזוי אויך די ליבשאפט וואס הערשט צווישן די מלאכים וואס דינען דעם באשעפער, ווי עס שטייט **וְנוֹתְנִים בְּאַהֲבָה רְשׁוּת זֶה לָזֶה** - זיי גיבן רשות איינער פאר'ן אנדערן מיט ליבשאפט.

אט-די מדה פון חסד און אהבה וואס מיר האבן אין זיך, דארפן מיר אויסניצן אויף הייליגע צוועקן, ווי למשל, ליב צו האבן דעם באשעפער, ליב צו האבן זיין הייליגע תורה און ליב צו האבן א צווייטן איד.

עס שטייט אין פסוק (דברים ל, ו): **וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ** - דאס מיינט אז דער באשעפער וועט אריינלייגן אין דיין הארץ און אין די הארץ פון דיינע קינדער, אים ליב צו האבן. זאגט דערויף דער "אור החיים" הק', אז ווען א איד בעט און דערנענטערט זיך צום באשעפער, העלפט אים השם יתברך אז די ריינע מדה פון **אהבה** - ליבשאפט, וואס האט זיך געטוישט אינעם מענטש אויף שעדליכע גלוסטונגען, זאל ווערן צוריק א לויטערע, הימלישע אהבה, און ער זאל שפירן א ליבשאפט נאר צו הייליגע זאכן, ווי אהבת השם.

דאס זעלבע איז מיט דער מדה פון "**יִרְאָה**" - מורא האבן, וואס דאס קומט פון דער הייליגער "ספירה" וואס הייסט "**גְבוּרָה**" - שטארקייט. א מענטש דארף דאס אויסניצן כדי זיך צו שטארקן קעגן דעם יצר הרע און קעגן אנדערע וואס ווילן אים אוועקשלעפן פון עבודת השם יתברך.

כאטש די **אהבה** און **יראה** צו הקב"ה איז איינגעבאקן אין דער נאטור פון יעדן איד, איז דאס אבער אין אים באהאלטן. דאס ווערט אנגערופן אין

חסידישע ספרים "אַהֲבָה מְסוּתֶּרֶת" - א באהאלטענע אהבה. אויב מען ערוועקט נישט די אהבה, און מען ארבעט נישט דאס ארויסצוברענגען אין זיך, בלייבט עס פארשלאפן, און דאן ווערט מען נישט גערירט און באגייסטערט פון דער געוואלדיגער אהבת השם וואס ליגט באהאלטן טיף אין הארץ.

אזוי איז אויך מיט דער יראה צו הקב"ה וואס איז באהאלטן אינעם מענטש. מען דארף דאס כסדר ערוועקן, אז עס זאל זיין אנטפלעקט און נישט פארשלאפן.

כדי די מדות פון אהבת השם און יראת שמים זאלן נישט זיין אין דיר פארשלאפן, זאלסטו זיך מאכן צייטן זיי צו ערוועקן אין דיר מיט א גלוסטעניש און מיט א בענקשאפט צום באשעפער. זיי מתפלל צום באשעפער און בעט: **"הייליגער באשעפער! פארוואס האסטו זיך באהאלטן פון מיר? פארוואס האסטו מיך דערווייטערט פון דיין קדושה? איך בעט דיר, באשעפער, דערנענטער מיך צו דיר".**

ווען א קינד איז ווייט פון זיינע עלטערן, בענקט ער נאך זיי, און ער קען קוים ווארטן אויף דער מינוט וואס זיין טאטע און מאמע וועלן צוריקקומען און אים ארומנעמען מיט ליבשאפט. פונקט אזוי זאלסטו גלוסטן און בענקען צום באשעפער.

אזוי אויך זאלסטו זיך פארשטעלן אין געדאנק, ווי דו שטייסט פאר א גרויסן, מעכטיגן קעניג און דו האסט א מורא'דיגן פחד פאר דער שיינקייט פון זיין כבוד און פון זיין מעכטיגע גרויסקייט.

דער הייליגער רמב"ם זכרונו לברכה שרייבט:

**"ווען א מענטש וועט נעמען אין באטראכט אז דער גרויסער קעניג, הקדוש ברוך הוא, וואס די גאנצע וועלט איז פול מיט זיין כבוד, שטייט איבער אים און זעט אלעס וואס ער טוט - ווי עס שטייט אין פסוק: 'אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים', אויב א מענטש וועט זיך באהאלטן אין באהעלטעניש, 'וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ', וועל איך אים דען נישט זען? 'אָמַר ה'', זאגט דער באשעפער - וועט גלייך אנקומען צו אים א שטענדיגע יראה און הכנעה, מיט א פחד און בושה פון באשעפער".**

אט דאס איז דער עיקר, אז דו זאלסט נישט האבן קיין פארשלאפענע יראה, אזוי ווי איינער וואס ווייסט אז ערגעץ ווייט אוועק געפינט זיך א קעניג

וואס מען דארף פון אים מורא האבן, ווייל ער קען מיט אים טון גוטס אדער שלעכטס; נאר דיין יראה און הכנעה זאל קומען פון דעם וואס דו ווערסט טראכטן אפט, מיט א טיפע אמונה, אז דער באשעפער שטייט אט ממש נעבן דיר און זעט אלעס וואס דו טוסט.

אזא סארט יראה ווערט נישט אפגעקילט און פארלאשן פון יעדן גלוסטעניש און שטרעבונג פונעם גוף. נאכמער, אפילו בשעת די יראה איז נישט אזוי אפן אין דיין הארץ - ווייל א מענטש איז נישט שטענדיג אויף דער זעלבער מדריגה - קענסטו נאך אלץ ערוועקן אין זיך די יראה, ווען דו ווערסט זיך דערמאנען פון דער יראה און פחד וואס דו האסט געהאט א קורצע צייט צוריק. אזוי ארום וועסטו קענען אויך יעצט זיך דערווייטערן פון יעדער עבירה.

אט דאס זענען די מדות וואס געפינען זיך אין אונז - די העכערע "סְפִירוֹת" וואס ווערן אריינגעשיינט אין אונז פון הימל. מיר דארפן אכטונג געבן אויסצוניצן די מדות נאר אויף גוטס, און נישט פארקערט.

מיר דארפן זיך באנוצן מיט דער מדה פון **אהבה** וואס דער באשעפער האט אונז געשאנקען פון הימל, נאר אויף צו שפירן א שטארקע ליבשאפט צום באשעפער און זיינע מצוות, און נישט אויף ליב צו האבן נארישע זאכן וואס דער גוף גלוסט.

אזוי אויך זאלן מיר נישט ניצן די מדה פון **יראה** אויף כעס און שנאת חנם, נאר מיר דארפן דאס אויסניצן אויף מורא צו האבן פאר'ן באשעפער און זיך שטארקן איבער אלע תאוות פונעם יצר הרע.

## פרק כג

# זיך איינגעוואוינען צו ערוועקן די מדות צו קדושה

אין פריערדיגן פרק האבן מיר געלערנט, אז יעדע מדה וואס א איד פארמאגט איז הייליג, ווייל עס קומט פון הימל. עס איז אבער וויכטיג אביסל מער צו ערקלערן אט-די נקודה, און ווי אזוי מען קען זיך איינגעוואוינען צו ניצן די מדות אויף הייליגע זאכן.

די **מדות** פון א מענטש ערוועקן זיך נישט אין אים פון זיך אליין, נאר עס דארף זיין עפעס א דרויסנדיגע זאך וואס זאל זיי ערוועקן. צוםביישפיל, די געפילן פון כעס און שרעק - א מענטש ווערט נישט פון זיך אליין אויפגערעגט און גייט דערנאך זוכן אויף וועמען אויסצולאזן זיין כעס, נאר ער ווערט אין כעס ווען עס איז דא א געשעעניש וואס רופט ארויס אין אים דאס געפיל פון כעס.

דאס זעלבע איז מיט אהבה - ליבשאפט. קיינער באקומט נישט פון זיך אליין א געפיל פון אהבה און גייט דערנאך זוכן עפעס ליב צו האבן, נאר ער שפירט די אהבה ווען עס איז דא עפעס א דרויסנדיגע געשעעניש אדער א זאך וואס ערוועקט אין אים די ליבשאפט.

כאטש די מדות ערוועקן זיך נישט אינעם מענטש פון זיך אליין, זענען אבער דא אומשטענדן ווען עס איז גרינגער צו ערוועקן איין מדה מער ווי אן אנדערע מדה. אזוי אויך זענען דא מענטשן, וואס פאר זיי איז לייכטער צו ערוועקן איין מדה, צום ביישפיל, דאס געפיל פון ליבשאפט, און אנדערע וואס פאר זיי איז לייכטער צו ערוועקן אן אנדערע מדה, צום ביישפיל, כעס.ביידע מדות ווערן זיך אבער ערוועקן אינעם מענטש נאר דורך דרויסנדיגע סיבות.

ווען עס קומט אבער צו די **כוחות הנפש** - וואס זענען א מתנה וואס דער מענטש איז געבענטשט דערמיט - ווי צום-ביישפיל, קלוגשאפט און שטארקייט, איז עס אבער נישט אזוי.

דעם כוח פון שטארקייט קען דער מענטש ערוועקן פון זיך אליין אויך ווען עס איז נישט פארהאן אן אנדערע זאך וואס זאל דאס אין אים ערוועקן. אין אנדערע ווערטער: עס דארף נישט זיין אן אנדערער גיבור וואס זאל קומען זיך מיט אים שלאגן, כדי עס זאל זיך ערוועקן אין אים די שטארקייט זיך צוריקצושלאגן מיט יענעם. פארקערט, די שטארקייט וואס ליגט אינעם מענטש ערוועקט אים זיך צו שלאגן מיט אן אנדערן, כדי די שטארקייט זאל זיך קענען ארויסגעבן און אנטפלעקן.

דאס זעלבע איז אויך מיט קלוגשאפט. די חכמה ערוועקט זיך נישט אינעם מענטש דורך דרויסנדיגע געשעענישן, נאר עס איז אן אינערליך געפיל וואס ערוועקט דעם מענטש כסדר צו וועלן לערנען און פארשטיין נאך און נאך. דער קלוגער מענטש קען זיך טיילמאל ערוועקן ארייננצוטראכטן אין עפעס א קלוגן געדאנק, נישט ווייל דער געדאנק ליגט פאר אים און וועקט אים ארייננצוטראכטן דערין, נאר פארקערט - די חכמה וואס ליגט באהאלטן אין זיין מח וועקט זיך אויף און שטופט אים צו זוכן א זאך אין וואס ער זאל ארייננטראכטן און זיך פארטיפן. דאס איז די סיבה פארוואס קלוגע מענטשן דרייען זיך נישט ארום ליידיג, ווייל די קלוגשאפט וואס געפינט זיך אין זיי שטופט זיי ארייננצוטראכטן און זיך פארטיפן, צו לערנען און צו אנטפלעקן זייער חכמה.

יעצט וועלן מיר שוין גוט פארשטיין פארוואס דער מענטש ניצט אויס זיינע מדות אויף שלעכטע זאכן, און ער שפירט נישט אין זיך די הייליגע מדות, צ.ב.ש. אהבה און יראה פון קדושה, אדער אפילו סתם א ליבשאפט אדער מורא, וואס ער זאל קענען אויסוועלן זיך צו באנוצן דערמיט אויף הייליגקייט, אדער פארקערט; נאר גלייך פון אנפאנג שפירט ער אין זיך געמיינע מדות, ווי א ליבשאפט צו נארישקייטן, א שלעכטע מורא, כעס און שנאה - אנדערש ווי די חכמה און כוח, וואס דער מענטש שפירט אין זיך סתם א קלוגשאפט אדער שטארקייט, און עס איז גרינגער פאר אים אויסצוקלויבן זיך צו באנוצן מיט זיי לויט זיין ווילן.

די סיבה דערפון איז, ווי ערקלערט, ווייל די כוחות הנפש, אזוי ווי חכמה און כוח, ערוועקן זיך אינעם מענטש פון זיך אליין, אָן קיין אויסערליכע סיבה,

און דערפאר שפירט ער אין זיך סתם א קלוגשאפט אדער שטארקייט - נישט דווקא א שלעכטן כוח און חכמה - וואס ער קען באשליסן ווי אזוי ער וויל זיך מיט זיי באנוצן (אויף גוטס אדער שלעכטס). אנדערש איז אבער מיט דער ערוועקונג פון די **מדות**, וואס זיי קומען ארויף און אנטפלעקן זיך אינעם מענטש נאר דורך אן אויסערליכע סיבה.

וויבאלד דער מענטש איז צוגעוואוינט שוין פון קינדווייז אן, אז זיינע מדות ווערן ערוועקט דורך **גשמיות'דיגע** זאכן, זעט ער די מדות נאר אין זייער עולם-הזה'דיגן געשטאלט, ווי גשמיות'דיגע מדות. אלס קינד איז דער פארשטאנד און מעגליכקייט פונעם מענטש צו ארבעטן אויף זיינע מדות נאכנישט אנטוויקלט. דאס קינד איז אריינגעטון אין עולם-הזה, און ער וועט בדרך כלל ניצן זיינע מדות און געפילן אויף גשמיות'דיגע זאכן; ער וועט זיך, למשל, אויפרעגן וועגן נארישקייטן. ער ווייסט נאכנישט אז מען קען ניצן די זעלבע מדות אויף העכערע זאכן. אויב דער מענטש ארבעט נישט אויף זיינע מדות, וועט אט-די געוואוינהייט אים באגלייטן אויך אויף שפעטער.

ווען מען ניצט די מדות אויף נישט-גוטע זאכן, טוט דאס שעדיגן די הייליגע מדות, נישט נאר אין די יונגע יארן, נאר דורכאויס דעם גאנצן לעבן. און עס קען ארויסברענגען נאך פיל ערגערע מדות, ווייל וואס מער דער מענטש באנוצט זיך מיט זיינע מדות אויף נישט-גוטע זאכן, ווערט ער אלץ מער איינגעזונקען אין די גשמיות'דיגע און נארישע זאכן.

יעצט לאמיר ערקלערן ווי אזוי מען קען זיך איינגעוואוינען ווען מען איז שוין אביסל עלטער, צו ניצן די מדות אויף הייליגע זאכן.

יעדעס מאל וואס דו גייסט טון עפעס א מצוה, שטעל זיך אפ, קאנצענטריר זיך אין דיין מחשבה און טו עס מיט'ן גאנצן הארץ. ווען דו לייענסט קריאת שמע, ווען דו גרייטסט עפעס אן פאר שבת, ווען דו פאלגסט דיינע עלטערן, ווען דו טוסט א טובה פאר א צווייטן - **נוץ אויס די געלעגנהייט** דאס צו טון מיט'ן גאנצן הארץ, מיט ליבשאפט און מיט מורא פאר'ן באשעפער.

אזוי ארום וועסטו זיך צוגעוואוינען צו ניצן דיינע מדות צום גוטן. דו וועסט זיך, צום ביישפיל, איינגעוואוינען צו ניצן די מדה פון אהבה צו פילן א ליבשאפט צום באשעפער, צו זיין הייליגע תורה און צו אידישע קינדער. אזוי אויך די מדה פון יראה וועסטו ניצן מורא צו האבן פאר'ן באשעפער, מוסר

## פרק כג

זאגן פאר די וואס פירן זיך קעגן דעם רצון השם, און אוודאי זיך אליין צו מוסר'ן ווען דיין אויפפירונג איז נישט ווי עס דארף צו זיין.

אז דו ווערסט זיך צוגעוואוינען צו ערוועקן דיינע מדות אויף הייליגע זאכן, גלוסטן צו טון מצוות, זיך צו דערווייטערן פון עבירות און צו לעבן אויפ'ן דרך פון דער הייליגער תורה, וועט עס דיר זיין גרינגער צו שפירן אין זיך די העכערקייט וואס ליגט אין דיינע מדות, און וואס מער דו ווערסט פארבעסערן דיינע מדות, וועלן זיי זיך אלץ מער טוישן צו ווערן באמת הייליג. עס וועט זיך אנטפלעקן דער הערליכער אינערליכער גלאנץ וואס ליגט אין דיר באהאלטן.

וואס מער דו ווערסט זיך פירן אויף דעם שטייגער, אלץ מער ווערסטו שפירן ווי דיינע מדות זענען דערהויבן געווארן צום ריכטיגן תכלית - צו ערפילן דעם **רצון השם**, און דיין אמת'ע אידישע נאטור וועט שיינען מיט שמחה און מיט פרייד.

## פרק כד

# אנהאלטן שטענדיג די ליכטיגקייט פון די געהויבענע זמנים

חשוב'ע תלמידה! אז דו ביסט שוין אנגעקומען מיט אונזערע ווערטער ביז אהער, שפירסטו שוין זיכער אין זיך עפעס אן ענדערונג צום גוטן. דו ווייסט שוין אוודאי גוט וואוהין דו צילסט - צו ווערן אן אמת'ע ערליכע אידישע טאכטער. דו ארבעטסט צו פארבעסערן דיינע מדות, און קענסט שוין ענדליך שפירן די ליכטיגקייט פון די הימלישע "מדות" וואס שיינען אין דיר. געוויס פילסטו א נאנטקייט צום באשעפער, און דערמיט פארזיכערסטו אז דער "שׁוֹכֵן עַד מָרוֹם וְקָדוֹשׁ" זאל אין דיר רוען.

ווען א איד פארערכט זיינע מדות, פארשפרייט ער דורך דעם א גייסט פון קדושה אויף דער גאנצער וועלט. ווען דו לייגסט אריין כוחות זיך צו פארבעסערן, אנטפלעקט זיך אין דיר די דערהויבענע קדושה פון השם יתברך. דיין טאטע אין הימל פריידט זיך דערמיט, און דער אינערליכער גלאנץ פון דיין נשמה צעשפרייט זיך און בליטשקעט ווי די שטערן. דער שטערן איז אויפ'ן הימל און שיינט אויף דער ערד, און דו געפינסט זיך אויף דער ערד - און דיין ליכטיגקייט שיינט אויף דער ערד און אין הימל.

אין ליכטיגקייט און קדושה זענען פאראן פיל מדריגות, און איינע - און די וויכטיגסטע - פון זיי איז דער **איד** - זיין דער איד וואס דו דארפסט פון זיך ארויסברענגען. וויבאלד דו האסט אנגעהויבן ארבעטן אויף זיך לויט ווי מיר האבן ביז אהער געלערנט - אפילו אויב דו האסט נאכנישט געענדיגט דיין ארבעט און זיך נאכנישט אינגאנצן פארבעסערט, ווייל עס איז נישט מעגליך מיט איין מאל, אדער אפילו מיט צוויי מאל, דאס צו ענדיגן - איז שוין דיין הארץ אבער ווייך געווארן, און האסט שוין אנגעהויבן צו אנטפלעקן אין זיך אביסל דאס דערהויבענע ליכטיגקייט פון השם יתברך.

דער עיקר איז אבער, אז דו זאלסט נישט טאנצען אויף צוויי פראנטן, וואס איין מינוט ווערסטו באגייסטערט און דערנענטערסט זיך צום באשעפער, און די צווייטע מינוט ווערסטו אינגאנצן אריינגעטון אין נארישקייטן.

פארשטייט זיך, אז עס איז נישט מעגליך פאר יעדן איינעם אנצוהאלטן אלעמאל די זעלבע דערהויבענע צושטאנד, פון שפירן א גאנצע צייט די ווארעמע געפילן וואס מען האט געשפירט בשעת'ן דאווענען, אדער בלייבן א גאנץ יאר אינעם זעלבן הויכן צושטאנד ווי מען איז געווען **ראש השנה און יום כיפור**.

פונדעסטוועגן איז נאך אלץ וויכטיג אז דו זאלסט כאטש ווען זיך אנהאלטן אין דער ליכטיגקייט און קדושה וואס האט דיך ארומגענומען אין די געהויבענע זמנים, אפילו אין די צייטן וואס דו שפירסט מער נישט יענע דערהויבנקייט.

כדי נישט צו פארלירן דעם ראש השנה, דעם יום כיפור און דאס גאנצע יאר, זאלסטו נישט נאכלאזן פון אלעם וואס דו האסט זיך אונטערגענומען און פונעם וועג אויף וועלכן דו ביסט געגאנגען ווען דו האסט געשפירט דאס הייליגע זיסקייט פונעם באשעפער. אזוי ארום וועסטו בלייבן באהאפטן צו דער קדושה און צו די גוטע קבלות וואס דו האסט זיך פארגענומען אין די מינוטן פון דיין דערהויבנקייט, און דאס וועט דיך האלטן שטארק און דיך אפהאלטן פון פאלן.

די אלע עצות זענען אן אנהייב צו ערוועקן אין זיך דעם רצון. מען דארף דאס אבער שטענדיג זוכן און כסדר מתפלל זיין דערויף, אזוי ווי דוד המלך האט זיך געוואנדן צום באשעפער און געבעטן, ווי איינער וואס איז נאך ווייט פון הקב"ה און האט נאכנישט אנגעהויבן אים צו דינען, (תהלים פו, יא): **הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ** - באשעפער! לערן מיך דיין וועג, אז איך זאל קענען קומען נאנט צו דיר, **אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ** - איך זאל קענען גיין מיט דיין אמת, **יַחֵד לְבָבִי לְיִרְאָה שְׁמֶךָ** - איינציג מיין הארץ, אז איך זאל מורא האבן פאר דיין נאמען.

און נישט נאר פון מאל צו מאל, אדער אין ספעציעלע צייטן האט ער דאס געבעטן, נאר דוד המלך האט שטענדיג געבעטן דערויף, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, **כִּי אֵלֶיךָ אֶקְרָא כָּל הַיּוֹם** - ווייל צו דיר רוף איך א גאנצן טאג.

## פרק כה

# שטענדיג שטרעבן אויף א נאנטקייט צום באשעפער

**א** קעניגליכע טאכטער האט פארבלאנדזשעט צווישן וויסטע בערג און ווילדע חיות. זי ווייסט אז עס איז דא א וועג צוריק צו איר טאטן, דעם קעניג, אבער זי קען נישט טרעפן דעם וועג. זי זוכט אן אויפהער און שרייט אויס מיט בענקשאפט, "טאטע, ווייז מיר דעם וועג צוריקצוקומען צו דיר!"

שטעל זיך פאר, ווי דו ביסט די קעניגליכע טאכטער וואס האט פארבלאנדזשעט אין דער אומריינקייט פון דער וועלט, זייענדיג ארומגענומען מיט גשמיות און נארישע גלוסטונגען וואס שעדיגן דעם נפש. אויב דו וועסט אזוי טראכטן, וועסטו זיך דעמאלט פלייסן און זוכן דעם וועג צו דיין טאטן אין הימל, און פון טיפעניש פון דיין הארץ וועסטו שטענדיג רופן: "**הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ** - באשעפער, לערן מיך דיין וועג!" וואס מער דו וועסט דאס בעטן פון באשעפער, אלץ מער וועסטו אים קענען דינען מיט א פלייסיגקייט.

ווי מיר האבן שוין פריער דערמאנט, האסטו דעם כוח אלס אידישע טאכטער אראפצוברענגען הימלישע ליכטיגקייטן אויף דער וועלט, דורך דעם וואס דו וועסט אנטפלעקן די הייליגקייט פון די מדות וואס ליגן אין דיר. דו האסט דעם כוח צו ערוועקן דעם באשעפער'ס רצון, אז ער זאל, כביכול, וועלן שיינען און לייכטן אין דיר. דיין שטענדיגער ווילן און דיינע תפילות זיך צו פארבעסערן וועלן זיכער אנגענומען ווערן, ווייל ווי מער דו פלייסט זיך צו פארבעסערן, אלס מער ברענגסטו אראפ די ליכטיגקייט און הייליגקייט פון די הימלישע מדות אויף דער וועלט.

כדי צו קענען זוכן דעם אמת'דיגן וועג וואס פירט פון גשמיות צום הייליגן באשעפער, דארפסטו האבן אין זיך פלייסיגקייט. דו דארפסט אין

זיך ערוועקן דאס פלייסיגקייט, און איינגעוואוינען דיין הארץ צו שטרעבן שטענדיג זיך צו דערנענטערן צום באשעפער.

דיין פלייסיגקייט, און דיין גלוסטונג זיך צו דערנענטערן צום באשעפער, ווענדט זיך אלעס אין דיין שטענדיגע שטרעבונג און בענקשאפט דערצו. מיר האבן שוין פריער דערמאנט (פרק יח), אז דיין נאנטקייט צום באשעפער דארף ווערן ממש א חלק פון דיר. דיין גאנצע פערזענליכקייט ווענדט זיך אין דיין השקפה, וואס עס מיינט צו זיין **א איד**, און אויף וועלכע זאכן דו דארפסט שטענדיג שטרעבן.

עס איז נישט גענוג צו באטראכטן דעם אמאליגן מצב, ווען מיר זענען געווען אזוי נאנט צום באשעפער, ווי עפעס וואס האט אמאל פאסירט; מיר דארפן טראכטן פון אונזער אמאליגער נאנטקייט צום באשעפער ווי א שטענדיגע פאָר-בילד, וואס מיר שטרעבן אנצוקומען דערצו.

דער באשעפער האט אונז כסדר געשיקט נביאים, כדי אונז צו דערנענטערן צו אים, ווי דער נביא זאגט (הושע יא): **וְאָנֹכִי תִרְגַּלְתִּי לְאֶפְרַיִם** - און איך האב צוגעוואוינט אפרים, דאס מיינט כלל ישראל, **קָחֶם עַל זְרוֹעֹתָיו** - איך האב זיי געגעבן נביאים וואס זאלן זיי נעמען אויף זייערע ארעמס, כדי זיי צו ברענגען נאנט צו מיר. דער באשעפער וויל אז מיר זאלן זיך צוריקקערן צו אים און זיך ארייננווארפן אין זיינע ארעמס, כביכול. **וְאָנֹכִי תִרְגַּלְתִּי לְאֶפְרַיִם** - דער באשעפער האט אונז דערצו **צוגעוואוינט**, און אויך מיר דארפן זיך דערמיט איינגעוואוינען.

מיר דארפן שטענדיג שטרעבן און בענקען אנצוקומען צו אונזער פריערדיגן מצב, אזוי ווי אין די אמאליגע גוטע צייטן, ווען מיר זענען געווען אזוי נאנט צו אונזער טאטן אין הימל.

## פרק כו

# געדענק אלעמאל אז דו ביסט א חלק פון כלל ישראל

דורכאויס דעם טאג, טראכט אריין אין דעם גרויסקייט פון באשעפער און שפיר ווי דער באשעפער איז ממש נאנט צו דיר, ווייל **שִׁוִּיתִי ה׳ לְנֶגְדִּי תָמִיד** - ער געפינט זיך שטענדיג פאר דיר, און **מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ** - דעם באשעפער׳ס כבוד פילט אן די גאנצע וועלט. ווען דו וועסט זיך צוגעוואוינען צו טראכטן אזעלכע געדאנקען, וועט די אמונה ווערן איינגעבאקן אין דיר, און דו וועסט שפירן אין זיך דעם מציאות פונעם באשעפער אויף יעדן טריט אין דיין לעבן.

עס איז א שאד אז דו זאלסט אנפילן דיין מח מיט נארישקייטן.

וואס מער דו וועסט טראכטן פון אמונה אין באשעפער, אלץ מער וועט עס ווערן א נאטירליכער טייל פון דיר, ביז עס וועט ווערן ביי דיר קלאר אזוי ווי דער טאג, און וואס מער מען חזר׳ט זיך איין די הייליגע געדאנקען, אלץ קלארער ווערן זיי ביים מענטש.

די נשמה ווייסט דעם אמת - זי האט עס שוין געלערנט נאך פאר זי איז אראפגעקומען אויף דער וועלט, און דערפאר ווערט זי ערוועקט דורך דעם וואס מען טראכט די הייליגע געדאנקען וואס ברענגען אונז צו א העכערע מדריגה אין אמונה, אסאך מער ווי אונזער פשוט׳ער שכל קען פארשטיין.

בשעת דו געוואוינסט זיך איין צו טראכטן פון אמונת השם, טראכט אויך פון **דיין** ציל אין לעבן און פונעם תכלית פונעם גאנצן **אידישן פאלק**, און דער תנאי וואס דער באשעפער האט מיט אונז אויסגענומען, **וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים - מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ** - איר וועט זיין פאר מיר אן

אויסדערוועלטע פאלק מער ווי אלע פעלקער - א קעניגרייך פון הארן און א הייליג פאלק.

אז דו ווערסט זיך צוגעוואוינען אזוי צו טראכטן, וועט דיין גאנצער מהלך המחשבה זיין ווי עס טראכט אן אמת'ער ערליכער איד, און דאס וועט אויך ברענגען דערצו, אז יעדעס מאל וואס דו ווערסט נאר וועלן עפעס טון, וועסטו ערשט נעמען אין באטראכט צי דאס פאסט זיך פאר א קינד פונעם אויסדערוועלטן פאלק.

ווען דו ווערסט אנהייבן צו לעבן מיט אזא סארט אמונה, וועסטו באמערקן א טויש אין דיין גאנצן בליק אויף דער וועלט, אויף אידישע קינדער, און בעיקר אויף זיך אליין. א **פשוט'ער איד** און **קדושה** וועלן נישט אויסזען ביי דיר ווי צוויי ווייט-באזונדערע זאכן וואס האבן נישט קיין שייכות איינס מיט'ן אנדערן, נאר עס וועט ווערן ביי דיר געקניפט און געבונדן, ממש ווי איין זאך.

דיין גאנצע השקפה וועט ווערן דערהויבן, און ווען דו ווערסט נאר שפירן עפעס א גלוסטעניש צו נארישע און גשמיות'דיגע זאכן, וועסטו זיך גלייך ערוועקן און בעטן פון באשעפער **הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ** (תהלים פו, יא) - באשעפער! לערן מיך דיין וועג, **אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ** - איך וויל דיר דינען מיט אן אמת, **יַחֵד לְבָבִי לְיִרְאָה שְׁמֶךָ** - איינציג מיין הארץ, אז איך זאל מורא האבן פאר דיין נאמען. איך וועל טון אלעס וואס וועט מיך פירן צום אמת'ן תכלית - דיר צו דינען מיט פלייסיגקייט.

## פרק כז

# יעדער איד האט אמאל געקענט זוכה זיין צו נבואה

ווען מיר באטראכטן אונזער יעצטיגן מצב און מיר ווילן עס פארגלייכן צום אמאליגן געהויבענעם מצב פון כלל ישראל, קוקן מיר אריין אין די ווערטער פון די פסוקים אין נביאים און כתובים און מיר זעען, אז נבואה איז דעמאלט נישט געווען עפעס אן אויסערגעווענליכע אדער אן אויסטערלישע זאך.

צום ביישפיל, ווען דער באשעפער האט געוואלט מודיע זיין פאר **מָנוֹחַ** און זיין ווייב אז זיי וועלן האבן א זון, **שִׁמְשׁוֹן**, האט ער זיי דאס נישט מודיע געווען דורך א חלום אדער א בת קול, ווייל דער דור איז געווען אויף אזא געהויבענער מדריגה אז זיי זענען געווען ווערד צו הערן די בשורה דורך א מלאך אליין. און אויב עס איז נישט גענוג געווען איין מאל, האט דער באשעפער געשיקט צו זיי דעם מלאך נאכאמאל.

כאטש מנוח און זיין ווייב זענען - ווי חז"ל זאגן - נישט געווען קיין גדולי ישראל, זענען זיי אבער געווען אידן, וואס ווערן אנגערופן **אַנְשֵׁי קוֹדֶשׁ** - הייליגע מענטשן, און דערפאר האבן זיי געקענט זען און רעדן מיט א מלאך אזוי ווי צוויי מענטשן רעדן צווישן זיך.

אזוי זעט מען אויך ביי **שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ**, וואס כאטש ער איז נישט געווען קיין נביא, האט ער אבער נביאות געזאגט ביי א פארזאמלונג פון נביאים, נאך איידער ער איז געווארן א קעניג. און נישט נאר שאול המלך אליין, נאר אפילו די שלוחים וואס ער האט געשיקט נאכצויאגן **דָּוִד הַמֶּלֶךְ** האבן אויך באקומען א רוח נבואה, און זיי האבן נביאות געזאגט ווען זיי זענען אנגעקומען צו **שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא** און זיינע תלמידים.

נאך זאגן אונזערע חכמים זכרונם לברכה, אז ביי אידן זענען געווען דאפלט אזויפיל נביאים ווי די צאל אידן וואס זענען ארויס פון מצרים; דאס הייסט, איין מיליאן מיט צוויי הונדערט טויזנט נביאים! זיי ווערן נישט אלע דערמאנט אין תנ"ך, ווייל נאר די נביאות'ן וואס האבן אויסגעפעלט פאר די שפעטערע דורות זענען פארשריבן געווארן.

אין מדרש שיר השירים שטייט, אז די אויבנדערמאנטע צאל נביאים זענען געווען בלויז אינעם דור פון **אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא** אליין, און דאס איז אויסער די נביאים וואס זענען געווען אין די אנדערע דורות.

דער חילוק צווישן א נביא און אנדערע אידן איז געווען, אז דער נביא האט שטענדיג געהאט די מדריגה פון נבואה, און זיין מדריגה איז געווען פיל העכער ווי אנדערע אידן, ווייל ער האט זיך שטארק געהייליגט און ער איז געווען אפגעשיידט פון דער וועלט, ביז ער איז געווען ראוי צו באקומען די נבואה פון השי"ת - אזוי ווי מען זעט אויך היינט, אז עס זענען דא שטענדיגע עובדי השם וואס דינען דעם באשעפער אויף א גרויסן פארנעם, יעדער איינער לויט זיין מדריגה, אבער אויך ביי יעדן איד געפינט זיך א געוויסע מדריגה פון ערליכקייט און עבודת השם - און אויב נישט שטענדיג, איז כאטש צייטנווייז - כאטש נישט אזוי גרויס ווי דער נביא אדער דער צדיק.

די אכט און פערציג נביאים וואס זענען באוואוסט און פארשריבן געווארן לדורות, זענען דערהויבן געווארן צו זיין גרויסע און שטענדיגע נביאים, יעדער לויט זיין מדריגה - ווי דער פסוק זאגט (ירמיהו א, ה): **נָבִיא לַגּוֹיִם נְתַתִּיךָ** - איך האב דיך געמאכט א נביא פאר די פעלקער.

אבער אויך יעדער איד האט געקענט זוכה זיין צו צייטווייליגע נבואה ווען עס האט אויסגעפעלט, אזוי ווי ביי מנוח און זיין ווייב, אדער ווען די שלוחים פון שאול המלך זענען אנגעקומען צו שמואל הנביא - ווייל די פענסטערס פון הימל זענען דעמאלט געווען אפן, און ווען אימער עס איז געווען נויטיג האט דער טאטע פון הימל גערעדט מיט זיינע קינדער. דורכ'ן ארבעטן אויף קדושה און טהרה, האט יעדער איד געקענט זוכה זיין צו הערן די קלארע רייד פון טאטן אין הימל.

אויף אזא הייליגן און הויכן מצב זענען מיר געווען אין יענע צייטן.

## פרק כח

# די השקפה פון א בת מלך

כאטש מיר קענען זיך נישט פארשטעלן די נאנטקייט וואס האט געהערשט צווישן דעם באשעפער און אידישע קינדער אין דער תקופה פון די נביאים, דארפן מיר אבער שטרעבן זיך צו דערנענטערן צו דער אמאליגער דערהויבנקייט און דער נאנטקייט וואס מיר האבן דעמאלט געהאט צום באשעפער.

טייערע אידישע טאכטער! מיר זאגן יעדן אינדערפרי, **אֱלֹקַי, נְשָׁמָה שֶׁנָּתַתָּ בִּי טְהוֹרָה הִיא** - מיין ג-ט, די נשמה וואס דו האסט אריינגעגעבן אין מיר, **איז ריין**. דו ביסט נאך יונג, און דיין נשמה איז נאך ריין. דו האסט נאך די מעגליכקייט צו דערגרייכן גרינגערהייט צו הייליגקייט און העכערקייט, ווי עס פאסט זיך פאר א קעניגליכע טאכטער.

ניין, מיר ווילן דיך נישט איבערמאכן צו ווערן א נביאה, אדער א בעלת רוח הקודש. דו ביסט אבער א פרינצעסין, **א בת מלך**, וואס דו ביסט דערוויטערט געווארן פון דיין טאטן אין א וועלט פון נסיונות, א וועלט פון עולם הזה. דו האסט אבער די מעגליכקייט זיך צוריקצוקערן צו דער לויטערקייט פון דיין נשמה און צו ווערן צוריק נאנט צום טאטן, אויב דו וועסט אנהאלטן דיין איידעלע און לויטערע השקפה ווי עס פאסט פאר א בת מלך און זיך בענקען נאך דער נאנטקייט וואס איז אמאל געווען צווישן דעם באשעפער און אידן.

קוק אויף דער הערליכער שיינקייט פון אידישע קינדער. באטראכט די געוואלדיגע דערהויבענע מדות און ערליכקייט וואס כלל ישראל פארמאגט, וואס דאס איז נישט שייך צו טרעפן ערגעץ אנדערש ביי קיין שום אנדערע פאלק. שפיר זיך גליקליך צו זיין א איד, א חלק פונעם אויסדערוועלטן

פאלק. גלוסט צו עבודת השם, שטרעב צו שטייגן און זיך צו דערנענטערן צום באשעפער.

פאדער פון זיך גרויסקייט און טראכט: איך וויל צוריקקומען צו דער ריינקייט און לויטערקייט פון אונזער גוף און נפש! איך וויל זיך צוריקקערן צו אונזער טאטן, צו דער ליכטיגער שיין פון אמאל!

פון צייט צו צייט זאלסטו אויסגיסן דיין הארץ צום באשעפער מיט א התעוררות פון דיין נפש, און רעד צו אים די פאלגנדע אדער ענליכע ווערטער:

**"רבונו של עולם! דו ביסט דאך אונזער טאטע, און מיר זענען דיינע קינדער.**

**"טאטע אין הימל און קעניג פון דער וועלט! פון שטענדיג אן האסטו אונז געפירט, און מיר האבן געזען דיין הייליגע שכינה מיט אונזערע אויגן. דו האסט מיט אונז גערעדט, אזוי ווי א באליבטער טאטע רעדט מיט זיינע קינדער. אה, ווי גוט איז אונז דעמאלט געווען! אבער היינט איז שוין מער נישט אזוי. דו ביסט ארויף אויבן און האסט פארשלאסן דיינע הימלען. מען זעט דיך נישט און מען הערט דיך נישט. קיינער רעדט נישט, און קיינער ענטפערט נישט. עס זענען מער נישטא קיין נביאים וואס זאלן באלייכטן אונזערע אויגן.**

**"איך בעט דיר, טאטע אין הימל! דערנענטער אונז צו דיר און דערנענטער זיך צו אונז, אזוי ווי אמאל".**

## פרק כט

# דער תפקיד פון שטארקן די נשמה אויפ'ן גוף

עס איז שוין זיכער קלאר ביי דיר, אז א איד איז א רוחניות'דיגע בריאה, א באשעפעניש וואס דער באשעפער האט אראפגעשיקט פון הימל דא אויף דער וועלט. דער גוף פון א איד איז נישט ווי דער גוף פון אנדערע באשעפענישן; דער גוף פון א איד איז לויטער און איידל, לויט ווי עס פאסט זיך פאר אזא דערהויבענע נשמה.

נאר וואס דען?

דער גוף פון א איד, דא אין עולם הזה האט גשמיות'דיגע שטרעבונגען, דאס איז צוליב פארשידענע סיבות, און דערפאר זעען מיר נישט די ספעציעלע לויטערקייט און דערהויבנקייט פון אונזער נשמה, וואס איז א **חֵלֶק אֱלֹקַ' מִמַעַל** - א געטליכער טייל פון הימל. די נשמה איז געווארן פארדעקט און באהאלטן, אז עס איז שווער צו דערקענען דעם הימלישן אוצר וואס ליגט פארשטעקט אין אונז.

דערפאר האט דער באשעפער אונז געגעבן די תורה און מצוות, כדי אונז צו העלפן אויפדעקן דערמיט די געוואלדיגע לויטערקייט וואס ליגט אין אונז באהאלטן.

דער באשעפער האט באשאפן יעדן מענטש מיט א ספעציעלן תפקיד, וואס איז צוגעפאסט פינקטליך לויט זיינע נאטורן, זיינע כשרונות, זיינע נסיונות און לויט זיין צושטאנד. די עיקר עבודה איז צו ניצן אלע כוחות וואס דער מענטש פארמאגט כדי צו ערוועקן זיין נפש אז עס זאל זיך שטארקן אויפ'ן גוף, דאס מיינט אז די גוטע רצונות פון דער נשמה זאלן זיך שטארקן

## פרק כט

אויף די גשמיות'דיגע גלוסטונגען פונעם גוף, און אזוי וועט דער מענטש דינען דעם באשעפער מיט אן אייגענע בחירה און זיך צוריקקערן צו זיין אמת'ער דערהויבנקייט.

מיר האבן שוין ערקלערט פארשידענע וועגן ווי אזוי דו קענסט מעורר זיין דיין נפש, זיך דערהייבן מיט דיין השקפה און ערוועקן אן אחריות אין זיך, צו זוכן דעם וועג וואס פירט צום באשעפער און צו גיין אויף דעם וועג מיט א ריינע נשמה.

זאלסט אבער וויסן חשוב'ע תלמידה! אז אלע אונזערע רייד זענען נאר מיטלען און אנווייזונגען ווי אזוי אנצוקומען צו דיין ציל. די ארבעט זעלבסט ווענדט זיך אבער אין דיר אליין. כדי אנצוקומען צו דיין ציל, דארפסטו גיין אין דער ריכטונג פון קדושה און ארבעטן אויף יעדן פרט באזונדער.

אונזערע ווערטער זענען נישט מער ווי קליינע טראפנס, אויפצופרישן דיין הייליגן נפש און דיין אידישן גוף צו עבודת השם. אויב וועסטו טאקע ניצן די מיטלען וואס מיר האבן דיר פארגעשריבן, וועסטו בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אויסשטייגן צו זיין א אידישע טאכטער וואס איז נאנט צום באשעפער. דו וועסט שפירן אין זיך די לויטערקייט פון באשעפער, און ביי יעדער רוחניות'דיגער זאך, ווי תפילה און מצוות, וועסטו ווערן באגייסטערט פון דער קדושה וואס ליגט דערין.

אויב דו וועסט אבער גארנישט טון צו הייליגן דיינע מדות, און דו וועסט נאר האפן צו שטייגן דורך דיינע התעוררות-געפילן אליין, וועסטו דעמאלט אויסקוקן פונקט אזוי ווי איינער וואס האט גע'חלש'ט פאר הונגער און מען האט אים דערמונטערט מיט טראפנס וואסער, און אנשטאט צו עסן ברויט, טרינקען מילך, און דאס גלייכן, וויל ער זיך זעטיגן מיט די טראפנס וואסער, מאכנדיג זיך דעם נארישן חשבון, אז "אויב האבן די טראפנס אזא שטארקן כוח, אז זיי האבן מיך געקענט דערמינטערן פון חלשות, איז דאך זיכער אז זיי קענען מיך שטענדיג דערהאלטן ביים לעבן. אויב אזוי, פארוואס דארף איך זיך פלאגן צו עסן געזונטע מאכלים? איך קען דאך לעבן בלויז פון די טראפנס אליין".

מיר זענען אבער זיכער, אז דו וועסט נישט נאכלאזן דיין ארבעט און נישט בלייבן הינטערשטעליג. עס גייט טאקע נישט אויף איין מאל, אבער אז דו וועסט ארבעטן מיט אן איבערגעגעבנקייט, מיט פלייסיגקייט, און מיט א

האפענונג אויף סייעתא דשמיא - אזוי ווי דער פסוק זאגט (תהלים לג, יח): **הִנֵּה עֵין ה' אֶל יְרֵאָיו לַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ** - דער באשעפער קוקט אויף די וואס האבן פאר אים **מורא**, די וואס האפן צו זיין **חסד** - וועסטו בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם מיט דער צייט אנקומען צו דיין ציל.

## פרק ל

# עבודת הבורא גיט שטארקייט און הנאה

די טבע פון א מענטש איז, אז ווען ער האט הנאה פון אן ארבעט, קען ער דאס טון מיט מער שטארקייט ווי עס איז זיין נאטירליכער כוח. די הנאה גיט אים אריין דעם קראפט צו קענען ארבעטן דערויף אסאך שווערער, ווי אויף עפעס וואס ער האט נישט קיין הנאה דערפון.

די וועלט זאגט, אז אויב מען וועט אוועקשטעלן א פויער צו שאקלען זיין שנייד-מעסער אין דער לופט א האלבע שעה, אָן קיין תבואה אדער גראז צו שניידן, וועט ער דאס נישט קענען טון, ווייל ער וועט שנעל מיד ווערן דערפון, אבער ווען עס קומט צו שניידן זיין תבואה, וואס ער האט הנאה פון די ארבעט, וועט ער דאס קענען טון אפילו א גאנצן טאג.

דאס מיינט אז די שוועריגקייט פון ארבעט מעסט זיך נישט נאר לויט די כוחות וואס מען דארף דערין אריינלייגן, נאר אויך לויט וואספארא סארט ארבעט עס איז - צי עס איז צוגעפאסט צום מהות פונעם מענטש, לויט זיין גייסט און אינהאלט, אדער נישט.

דער מדרש דערציילט, אז אידן אין מצרים האבן געדארפט טון ארבעט וואס איז נישט געווען צוגעפאסט צו זייערע כוחות. די שוואכע מענטשן האבן געדארפט טון שווערע ארבעט, און פאר די שטארקע מענטשן האט מען געגעבן צו טון גרינגע ארבעט. די פרויען זענען געווען געצוואונגען צו טון ארבעט וואס איז צוגעפאסט צו מענער, און אויף די מענער האט מען ארויפגעלייגט צו טון א פרויערישע סארט ארבעט.

דארף מען לכאורה פארשטיין: מילא, ווען מען לייגט ארויף אויף א שוואכן מענטש צו טון א שווערע ארבעט, אדער אז א פרוי זאל מוזן שלעפן

די שווערע לאסט וואס איז צוגעפאסט פאר די כוחות פון א מאן, פארשטייען מיר דערפון די שוועריגקייט און צער; אבער וואס איז דען דער צער פון א שטארקן מענטש וואס מוז טראגן א גרינגע לאסט, אדער א מאן וואס מוז טון די לייכטע ארבעט פון א פרוי?

**אבער לויט** ווי מיר האבן פריער ערקלערט, אז די שוועריגקייט פון אן ארבעט ווערט געמאסטן לויט ווי עס איז צוגעפאסט צו דער פערזענליכקייט פונעם מענטש, איז דער ענטפער דערויף זייער קלאר. א פויער וועט נישט מיד ווערן צו שלעפן שטיינער אויף די בערג, ווייל דאס ליגט אין זיין נאטור, אבער אויב מען וועט אים געבן אן איידעלע סארט ארבעט צו טון, ווי צוגרייטן דעם שבת-טיש אדער באקן חלות, וועט ער זייער שנעל מיד ווערן דערפון, כאטש עס איז בעצם א גרינגע ארבעט, וויבאלד אזא ארבעט איז נישט צוגעפאסט צו זיין נאטור.

די כוונה פון די מצריים איז געווען צו פארביטערן דאס לעבן פון אידישע קינדער און אפשוואכן זייער כוח. דערפאר האבן זיי געטוישט די מענערישע מיט ווייבערישע ארבעט און די לאסט פון שטארקע מענטשן מיט דער לאסט פון שוואכע מענטשן, כדי אז די מענטשן זאלן טון אזא סארט ארבעט וואס איז אין קעגנזאץ צו זייער נאטור.

דאס איז אויך די סיבה פארוואס אן איינפאכער, פראסטער מענטש ציט צו עולם-הזה'דיגע ארבעט, אפילו אויב די ארבעט איז זייער שווער - ווייל די ארבעט איז צוגעפאסט לויט'ן מהות פון זיין נפש.

די תורה, אבער, וואס קומט פון הימל, פון גן עדן, און איז באשאפן געווארן נאך איידער די וועלט איז באשאפן געווארן - זי איז געאייגנט פאר איידעלע, ערליכע אידן וואס קענען זיך אויסארבעטן צו שטרעבן אויף העכערע זאכן. דאס גשמיות'דיגע לעבן פון עולם הזה איז נישט צוגעפאסט פאר זייערע ריינע נשמות; זיי ווערן מיד דערפון. תורה, מצוות און א לעבן מיט אמונה - נאר דאס וועט זיי שטארקן און געבן אן אמת'ע פארגעניגן און שמחה.

ווען א מענטש טוט א מצוה וואס קומט אים אן שווער, און ער ניצט דערפאר א גרויסן חלק פון זיין נפש, ברענגט ער דערמיט אראפ א געוואלדיגע קדושה, וואס פילט אים אן מיט א טיפע רוחניות'דיגע הנאה, און עס ערוועקט אין אים פיל דאנקבארקייט צום באשעפער, אז ער האט זוכה געווען צו טון

די מצוה. ווען ער טוט אבער א גרינגערע זאך וואס ער דארף נישט ארבעטן דערויף אזוי שווער, ווערט נאר א קליינער טייל פונעם נפש נענטער דערמיט צו הקב"ה, און דעמאלט איז די הנאה א קלענערע.

למשל, אז דו האסט געטון א גרויסן חסד מיט אסאך איבערגעגעבנקייט און געדולד פאר א צווייטן, אדער האסט זיך אנגעשטרענגט צו פארבעסערן א מלבוש אז עס זאל זיין מער באשיידן, וועט דיין נפש האבן דערפון אסאך מער תענוג, ווי ביים טון א זאך וואס איז דיר אנגעקומען גרינגער.

א אידישע מאמע לייגט אריין אסאך כוח דורכאויס דעם טאג אז איר מאן און אירע קינדער זאלן קענען לערנען די הייליגע תורה און מקיים זיין די מצוות פון דער תורה, דערפאר באקומט זי פיל הנאה פון יעדע זאך וואס זי טוט, אפילו ווען זי איז באשעפטיגט מיט גשמיות'דיגער ארבעט, ווי צוגרייטן עסן און קליידונג און רוימען אין שטוב, ווייל זי טוט דאס אלעס מיט די כוונה צו ברענגען א נחת רוח פאר'ן באשעפער.

צדיקים פלעגן זאגן, אז "א אידישע פרוי בעט זיך אויס ביי די צוויבל און ביי די מייערן". דאס מיינט, אז אפילו בשעת זי קאכט און זי באקט, רעדט זי צום באשעפער אויף איר אייגענעם שפראך. זי בעט דעם באשעפער, אז דאס עסן זאל געלונגען כדי עס זאל זעטיגן און געבן כוח פאר איר מאן און אירע קינדער צו דינען דעם רבונו של עולם.

פרוביר צו גיין אויף דעם וועג, **וְכָל מַעֲשֶׂיךָ יִהְיוּ לְשֵׁם שָׁמַיִם** - אלעס וואס דו טוסט זאל זיין לשם שמים. וואס דו טוסט נאר, אפילו עס זעט אויס אין דיינע אויגן ווי א גשמיות'דיגע זאך, קענסטו דאס דערהייבן אז עס זאל זיין לשם שמים, און דאס וועט ברענגען אן אינערליכע הנאה פאר דיין נשמה. אפילו אויב דו שפירסט נישט אויבנאויף דאס דערהויבענע געפיל, האט אבער דיין נשמה א גרויס פארגעניגן און פרייד ווען זי קומט נענטער צו איר טאטן אין הימל.

אלעס וואס דו טוסט דורכ'ן טאג קענסטו באגלייטן מיט א תפילה צום באשעפער אז עס זאל זיין מיט הצלחה. השי"ת האט א גרויסן תענוג פון אזא תפילה, און עס ברענגט אויך אריין אין מענטש א שטארקע אמונה מיט א נאנטקייט צום באשעפער.

# פרק לא

# די געבענטשטע יונגע יארן

חשוב'ע תלמידה!

גיב אכטונג אויף דיינע יונגע יארן און היט אויף זיי מיט פארזיכטיגקייט. דאס זענען יארן וואס זענען געבענטשט פון באשעפער, זיסע און געשמאקע יארן, ווי א טייך פון האניג, און ווי א קוואל וואס קומט ארויס פון גן עדן.

דער מענטש לעבט און וואקסט א גאנץ לעבן מיט דער קראפט און שטארקייט פון זיינע יונגע יארן. אויך ווען ער ווערט עלטער און זיינע כוחות זענען שוין אפגעשוואכט, געניסט ער פון אט-די ספעציעלע יארן. עס בלייבט אין אים דאס פייער און ווארעמקייט פון די יונגע יארן, וואס ווארעמט אים אן און גיט אים אריין דעם ברען צו קדושה.

דאס מיינט נישט, אז איינער וואס האט נישט אויסגענוצט די יונגע יארן צו ארבעטן אויף זיך האט שוין חס ושלום אלעס פארלוירן און קען מער נישט אנקומען צו העכערע מדריגות. די טויערן פון הימל זענען אלעמאל אפן פאר יעדן איד וואס וויל זיך פארבעסערן אין עבודת השם. דער חילוק איז נאר, אז דעמאלט דארף ער זיך פיל מער אנשטרענגען. אן עלטערער מענטש וואס וויל אנהייבן זיך פארבעסערן און ארבעטן אויף זיינע מדות, וועט דארפן הארעווען צען אדער אפילו הונדערט מאל מער, ווי דער וואס האט אנגעהויבן ארבעטן דערויף אין זיין יוגנט.

דערפאר, אויב דו וועסט זיך פוילן און זיך נישט פארבעסערן יעצט, ווען דו ביסט נאך יונג, וועט עס דיר זיין פיל שווערער צו ארבעטן אויף זיך אין די שפעטערע יארן, און אפילו אויב דו וועסט אנהייבן ארבעטן אויף זיך דעמאלט און זיך אינגאנצן איבערגעבן צו עבודת השם, און מיט גרויס מי וועסטו מצליח

זיין צו שטייגן, וועט עס אבער זיין א שאד אויף אלע פריערדיגע לעבנס-יארן וואס דו האסט נישט געארבעט אויף זיך און דו ביסט נישט געשטיגן. דיין נשמה, צוזאמען מיט אלע נשמות פון גאנץ כלל ישראל און די נביאים און צדיקים פון אלע וועלטן, וועלן באוויינען דיין פארלוסט.

די מִשְׁנָה זאגט (אבות ה, כא): **בֶּן אַרְבָּעִים לַבִּינָה** - ביי די פערציג יאר קומט מען אן צו פארשטאנד, **בֶּן חֲמִשִּׁים לָעֵצָה** - ביי די פופציג יאר קומט מען אן צו טראכטן גוטע עצות. מיר זעען פון דער משנה, אז די דערגרייכונגען פון א מענטש זענען איינגעטיילט לויט די תקופות פון זיין לעבן. ווען א מענטש איז פערציג יאר האט ער א גוטן פארשטאנד, און נאך צען יאר, ווען ער ווערט שוין פופציג יאר, קומט ער אן צו א צווייטער תקופה פון "**עצה**".

דאס איז נישט נאר ביי די פערציגער און פופציגער יארן, נאר יעדע פאר יאר אין לעבן טוישט זיך די פערזענליכקייט און פעאיגקייטן פונעם מענטש. א מיידל אין די צענערלינג-יארן איז נישט די זעלבע, ווי זי איז געווען א פאר יאר צוריק. עס זענען דא זאכן וואס א מענטש קען נישט טון אין די יונגע יארן, אבער ער קען דאס פיל מאל טון אויף די עלטערע יארן; און פארקערט, עס זענען דא זאכן וואס א מענטש קען נישט טון ווען ער ווערט עלטער, אבער אין זיין יוגנט האט ער די פעאיגקייטן דערצו, ווייל אין יעדער תקופה פון לעבן, איז דער מענטש פעאיג אויף אנדערע זאכן.

דערפאר דארפן מיר אכטונג געבן נישט צו פארפאסן די ספעציעלע יונגע יארן און נישט איבערלאזן די ארבעט אויף שפעטער, ווייל אין די יונגע יארן איז די ארבעט צו שטייגן אין עבודת השם אסאך גרינגער.

די משנה זאגט (אבות ד, כ): **הַלּוֹמֵד יֶלֶד לְמָה הוּא דוֹמֶה** - איינער וואס לערנט אלס קינד, צו וואס איז ער גלייך? **לִדְיוֹ כְּתוּבָה עַל נְיָר חָדָשׁ** - צו טינט וואס איז געשריבן געווארן אויף א נייעם פאפיר, **וְהַלּוֹמֵד זָקֵן** - און איינער וואס לערנט ווען ער איז אלט איז גלייך, **לִדְיוֹ כְּתוּבָה עַל נְיָר מָחוּק** - צו טינט וואס איז געשריבן געווארן אויף אן אויסגעמעקטן פאפיר. מען קען נישט צוגלייכן דאס וואס מען לערנט אין די יוגנט-יארן, ווען מען איז נאך פריש און יונג, צו דעם וואס מען לערנט אויף דער עלטער. דאס איז א זאך וואס מען זעט אין אלע ענינים אין לעבן, סיי אין לערנען, סיי אין ערליכקייט און סיי אין מתקן זיין די מדות.

טייערע תלמידה! מסתמא ווייסטו נישט, אז עס זענען פארהאן אסאך ערליכע מענטשן וואס זענען שוין אויף דער עלטער, און זיי זענען דיר מקנא. זיי קרעכצן און טראכטן: אוי, הלוואי וואלט איך געקענט צוריק באקומען מיינע יונגע יארן און אוועקגעבן גאנצע טעג פאר'ן באשעפער!

וויפיל מענטשן גלוסטן צו לעבן מיט ריינע געדאנקען און מיט א בענקענדיגן נפש פאר'ן באשעפער, אבער יעצט, אין זייערע עלטערע יארן, איז זיי שוין שווער צו ארבעטן דערויף.

ווילסטו פארלירן דעם טייערן דיאמאנט און זאגן: "איך וועל ארבעטן אויף זיך און זיך פארבעסערן ווען איך וועל ווערן עלטער"?

דו קענסט עס אבער נאך טון! יעצט האסטו די געלעגנהייט דערצו.

## פרק לב

# דער תועלת פון אנהייבן ארבעטן אויף די מדות יונגערהייט

עס זענען דא געוויסע ענינים וואס עס איז גענוג זיי צו דערמאנען אין קורצן, און מען דארף נישט צופיל ארומרעדן דערפון, אבער עס זענען דא זאכן, וואס מען דארף זיי כסדר ערקלערן איין מאל און נאכאמאל. מיר וועלן יעצט רעדן פון א שוואכע מדה וואס מען האט שוין פריער דערמאנט, אבער וואס איז וויכטיג דאס איבערצו'חזר'ן און ברייטער ערקלערן.

חז"ל זאגן (מכילתא שמות יב, יז): **אִם בָּאָה מִצְוָה לְיָדְךָ עֲשֵׂה אוֹתָהּ מִיָּד** - אז א מצוה קומט אונטער דיין האנט, זאלסטו עס גלייך טון. דאס מיינט אויך, אז מען זאל נישט אפלייגן אויף שפעטער די ארבעט צו פארבעסערן די מדות און שטייגן אין עבודת השם.

בשעת דו לערנסט דעם ספר חובת התלמידות אדער אנדערע ספרי מוסר, און דו באגעגנסט זיך מיט פארשידענע ענינים און הדרכות, זאלסטו נישט טראכטן: "דאס איז נישט פאר מיר. איך בין נאך יונג; ווען איך וועל גרויס ווערן, וועל איך עס טון". אזעלכע געדאנקען קומען פונעם יצר הרע, וואס וויל דיך חס ושלום מאכן פארלירןביידע וועלטן.

מיר האבן שוין דערמאנט פריער (פרק יד), אז א מענטש זאל זיך נישט פארלאזן און טראכטן אז ווען ער וועט ווערן עלטער, וועלן די שלעכטע מדות פון זיך אליין אוועקגיין, ווייל כאטש די יארן רוקן זיך פאראויס, בלייבט אבער דער מענטש דער זעלבער אויב ער ארבעט זיך נישט אויס יונגערהייט.

דאס איז וויכטיג נישט נאר ביים פאררעכטן די שוואכע מדות, נאר אויך ביים דערגרייכן מער-דערהויבענע מדות. אויב דו ביסט שוין גרייט צו ארבעטן

אויף זיך, שטופ עס נישט אפ אויף אן אנדערע געלעגנהייט, ווייל דאס איז אויך אין כלל פון **עֲשֵׂה אוֹתָהּ מִיָּד**, ווי מיר האבן דאס פריער ערקלערט.

געוואוין זיך איין ביי יעדע זאך וואס דו דארפסט טון, אז דו זאלסט עס טון ביי דער ערשטער געלעגנהייט, און נישט אפשטופן אויף "שפעטער". זאג נישט, "איך וועל עס טון מארגן, אדער נאך א שטיק צייט". אזוי ווי אונזערע חכמים זאגן (אבות ב, ד): **אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה** - דו זאלסט נישט זאגן, ווען איך וועל האבן מער צייט וועל איך לערנען, **שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה** - טאמער וועסטו נישט טרעפן מער צייט.

וואס פריער דו וועסט אנהייבן צו ארבעטן אויף דיינע מדות אין די יונגע יארן, אלץ בעסער און גרינגער וועט עס דיר אנקומען איבערצוטוישן דיין גאנצע פערזענליכקייט אויף לויטער גוטס; און פארקערט, וואס מער דו וועסט אפלייגן און אפשטופן די ארבעט, וועט עס דיר זיין פיל שווערער צוצוקומען צום תכלית, אז דיין גאנצע וועזן זאל ווערן אויסגעארבעט צו זיין גוט און ערליך!

דערפאר איז וויכטיג, אז דו זאלסט שוין יעצט אין די יונגע יארן אנטוויקלען אין זיך א נאנטקייט צום רבונו של עולם, מתפלל צו זיין מיט כוונה, גיין אנגעטון צניעות'דיג ווי עס פאסט פאר א אידישע טאכטער, און מקיים זיין די מצוות פון אויבערשטן. יעדע זאך וואס דו טוסט זאל זיין מיט אן אינערליכע ערוועקונג פון דיין נפש און מיט'ן ציל צו ברענגען א נחת רוח פאר'ן באשעפער, און נישט נאר פון געוואוינהייט.

אויב דו וועסט אנהייבן צו ארבעטן אין דיינע יונגע יארן זיך צו פירן מיט ערליכקייט, וועט דאס צובינדן דיין מח און די סטרונעס פון דיין הארץ צו גלוסטן און צו שטרעבן נאטירליך צו גוטע רצונות, ליב צו האבן און מורא צו האבן פון באשעפער, און צו ווען טון גוטס. אלע חלקים פון דיין גוף וועלן וואקסן דערמיט. די ערליכע געדאנקען און רעיונות וועלן זיך אנטוויקלען אין דיר, און דיין נפש וועט זיך צוגעוואוינען צו שטרעבן ביי יעדער געלעגנהייט זיך צו וועלן פירן אזוי ווי עס פאסט פאר א בת מלך.

בשעת דו ארבעטסט צו פארבעסערן דיינע מדות און באלייכטן דיין נפש, איז זייער וויכטיג אז דו זאלסט טון די ארבעט מיט אן אויסגערעכנטע סדר.

עס זענען דא מענטשן וואס האבן נישט קיין פלאן און קיין געהעריגן ציל וואוהין זיי ווילן אנקומען. זיי צווינגען זיך אויף א רגע, א האלבע שעה, אדער

## פרק לב

א שעה, צו טון וואס עס איז ריכטיג, און נאכדעם פאלן זיי צוריק. אזוי גייען דורך יארן מיט יארן, וואס זיי פרובירן אלץ צו ארבעטן אויף אלע פראנטן, און זיי רוקן זיך נישט פאראויס אפילו מיט א קליינעם טריט. זייערע בעסטע כוחות און שענסטע יארן גייען אוועק צו פרובירן און פאלן, זיך שטופן ווייטער און נאכאמאל פאלן.

דער הייליגער צדיק הרב הקדוש רבי **קלונימוס קלמיש**, בעל "**חוֹבַת הַתַּלְמִידִים**" זכרונו לברכה, האט אונז אוועקגעשטעלט א קלארן וועג, ווי אזוי א מענטש קען זיך צוביסלעך אויסארבעטן. אז דו ווערסט זוכה זיין זיך צו פירן אויף דעם הייליגן וועג, אנגעהויבן שוין פון דיינע יונגע יארן, וועט דאס ערליכקייט זיין אריינגעקריצט אין דיר, און אפילו אויב דו ווערסט פאלן, וועסטו האבן דעם מְהַלֵּךְ מיט וואס זיך צוריקצוכאפן און וועסט נישט אראפגליטשן. דיין עיקר ארבעט וועט זיין צוריק ארויפצוגייען העכער, און אזוי ארום וועסטו קענען אנקומען צו דער גרויסקייט וואס ליגט אין דיר באהאלטן.

אויסער דעם וואס דו וועסט שטענדיג טון נאר גוטע און ערליכע זאכן, וועסטו בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אויך אנקומען צו א מדריגה, וואס **דיין גאנצע מהות און פערזענליכקייט** וועט ווערן אויסגעארבעט צו זיין גוט און ערליך!

## פרק לג

# אויפוואקסן מיט ערליכע מחשבות

טייערע אידישע טאכטער! דו קענסט זיך גארנישט פארשטעלן ווי הויך דו קענסט שטייגן. דו קענסט אנקומען צו האבן א גוטן און שטארקן רצון, וואס זאל זיין שטארקער פון דיר אליין און ווערן איינגעבאקן אין דיר און עס זאל ווערן א חלק פון דיין נאטור.

ווען דו וועסט באשליסן צו טון וואס עס איז ריכטיג, וועסטו שפירן אין זיך א הימלישן גייסט וואס איז שטארקער פון אלע אפהאלטונגען און שטערונגען, און דאס וועט דיר העלפן אויסצופירן דאס וואס דו האסט באשלאסן צו טון.

ווילאנג דו ביסט נאך יונג, קענסטו זיך פיל אויסארבעטן אין עבודת השם, אין תפילה, אין צניעות, אין גמילות חסדים און אין תיקון המדות, ביז עס וועט ממש ווערן דיין נאטור אויפ׳ן גאנצן לעבן. דו וועסט מער נישט דארפן אזוי שווער ארבעטן און זיך כסדר דערמאנען זיך צו פארבעסערן דערין.

אז דו וועסט אויפוואקסן אין דיינע יונגע יארן מיט הייליגע מחשבות און אן ערליכע אויפפירונג, און עס וועט זיין טיף איינגעקריצט אין דיין מח און הארץ אז מען טאר נישט קוקן אויף אומריינע אדער פראסטע זאכן, וועט עס מיט דער צייט ווערן אזוי טיף ארייגעקריצט אונטער דיין באוואוסטזיין, אז ווען די שעדליכע זאכן וועלן דיר אנטקעגנקומען, נאך איידער דו וועסט עס געהעריג זען און נאך פאר דיין מח וועט אויפכאפן אז עס שטייט פאר דיר א שלעכטע זאך, וועלן דיינע אויגן זיך גלייך אוועקדרייען רעכטס און לינקס, און דו וועסט די זאך אפילו נישט באמערקן.

דיינע חושים וועלן ארבעטן פון זיך אליין, און דיינע אויגן וועלן פשוט נישט זען די זאכן וואס מ'טאר אויף זיי נישט קוקן. אזוי ווי דוד המלך האט מתפלל געווען (תהלים קיט, לז): **הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא** - נעם אוועק מיינע אויגן פון זען שלעכטס. דו וועסט זיין אין א בחינה וואס דו וועסט בכלל נישט זען דאס שלעכטס.

מען קען דאס פארשטיין מיט דעם משל וואס מיר האבן געברענגט אויבן (אין פרק יב), אז א מענטש פאלט געווענליך נישט ארויס פון בעט אינמיטן שלאף, ווייל די פארזיכטיגקייט נישט ארויסצופאלן פון בעט איז אזוי טיף איינגעקריצט אין זיין מח אז עס ווערט א חלק פון זיין נאטור, און אפילו אינמיטן שלאף ווען זיין שכל איז נישט אקטיוו, ווייסט ער וואס צו טון זיך אפצוהיטן דערפון.

דאס זעלבע איז אויך ווען דו וועסט שטרעבן שטענדיג זיך צו פארבעסערן אין צניעות, וועט ווערן איינגעקריצט אין דיין מח די אנערקענונג, אז דער באשעפער וויל דו זאלסט גיין געקליידעט בצניעות, אזוי ווי ער האט געזאגט ווען ער האט באשאפן יעדן אבר פון חוה: **תְּהֵא אִשָּׁה צְנוּעָה** - דו זאלסט זיין צניעות'דיג. עס וועט זיין אזוי ווי א חלק פון דיין נאטור, און אפילו ווען דו וועסט זען אנדערע וואס גייען אנגעטון נישט-צניעות'דיג, וועסטו נישט ווערן מיטגעשלעפט און דו וועסט וויסן זיך אפצוהיטן, אז עס זאל נישט האבן אויף דיר קיין שום השפעה.

עס זענען דא מענטשן וואס האבן א טעות. זיי מיינען אז די וועלט וואס השי"ת האט באשאפן איז אזא סארט אנזאמלונג פון שלעכטע תאוות און נישט-גוטע מחשבות, און ווער עס וויל דינען דעם באשעפער מוז זיך אפשיידן און דערווייטערן פון דער גאנצער וועלט.

דער אמת איז, אז השם יתברך האט באשאפן די גאנצע וועלט אזוי, אז אין די טיפענישן פון דער וועלט מיט אלע אירע נסיונות, געפינען זיך וועגן, טונעלן און היילן וואס פירן צום באשעפער. עס איז אן עולם הנסיון, און דער שכר פאר דעם וואס איז עומד בנסיון איז זייער גרויס. עס ווענדט זיך אלעס אין דעם מענטש אליין, צי ער ניצט די וועלט אויף גוטס, אדער אויף שלעכטס.

דער פסוק זאגט (משלי יט, ג): **אִוֶּלֶת אָדָם תְּסַלֵּף דַּרְכּוֹ וְעַל ה' יִזְעַף לִבּוֹ** - די זינד פון דעם מענטש פארקרימט זיין וועג, און זיין הארץ איז בייז אויף

השם יתברך. עס ליגן פאר'ן מענטש וועגן וואס פירן צו השם יתברך, אבער ער אליין איז דער וואס פארקרימט די וועגן.

די וואס טענה'ן און רעדן זיך אפ אז השם יתברך האט ח"ו באשאפן א פארדארבענע וועלט און עס איז שווער אין איר צו דינען השם יתברך, זיי ניצן דאס אלס א תירוץ נישט צו פארבעסערן זייערע וועגן.

די דרויסנדיגע וועלט איז פול מיט נסיונות, און עס זענען ליידער דא מענטשן וואס קערן זיך אפ פון ריכטיגן וועג. אונזער ארבעט איז בייצושטיין די נסיונות, און - נאכמער - ווערן אזוי אויסגעארבעט, אז מען זאל אפילו נישט באמערקן די אומריינקייט פון דער דרויסנדיגער וועלט, מען זאל שטענדיג שטרעבן צו גיין אויפ'ן ריכטיגן וועג און טון נאר גוטס.

## פרק לד

# די הערליכע פארבינדונג פון די יונגע און די עלטערע יארן

טייערע תלמידה! קוק און זע א וואונדערליכע זאך: דער נביא זאגט אונז וואס עס וועט זיין לעתיד לבא (יואל ג, א): **וְהָיָה אַחֲרֵי כֵן אֶשְׁפּוֹךְ אֶת רוּחִי עַל כָּל בָּשָׂר, וְנִבְּאוּ בְּנֵיכֶם וּבְנוֹתֵיכֶם** - און עס וועט זיין נאכדעם, אז איך וועל אויסגיסן מיין גייסט אויף יעדן באשעפעניש, און אייערע זין און טעכטער וועלן זאגן נביאות. דער נביא פירט אויס: **זִקְנֵיכֶם חֲלֹמוֹת יַחֲלֹמוּן, בַּחוּרֵיכֶם חֶזְיֹנוֹת יִרְאוּ** - אייערע אלטע וועלן חלומ'ען חלומות, אייערע יונגע וועלן זען זעאונגען פון נבואה.

מיר זעען, אז דער נביא טיילט איין די נבואה לויט די תקופות פון מענטשליכן לעבן. די נבואה פון די אלטע וועט זיין דורך א חלום, און די נבואה פון די יונגע דורך א "חזיון". מיר פארשטייען נישט וואס עס איז דער חילוק צווישן א נבואה דורך א חלום און א נבואה דורך א חזיון - אבער אזויפיל זעען מיר, אז גאנץ כלל ישראל וועט באקומען א ספעציעלן העכערן גייסט, יעדער לויט זיין עלטער, און עס וועט זיין אן אונטערשייד צווישן די יונגע און די אלטע.

אזוי איז דאס עבודת השם אין די היינטיגע צייטן אויך איינגעטיילט לויט די תקופות פון מענטשנ'ס לעבן. יעדע תקופה איז מער געאייגנט פאר אן אנדער סארט עבודה. ווען דער מענטש איז יונג, קען ער דינען דעם באשעפער מער מיט א ברען און א פלאם-פייער. ווען ער ווערט עלטער, קען ער שפירן מער א געשמאק אין שטייגן העכער אין עבודת השם און ווערן דערהויבן.

עס זענען דא צייטן, וואס דער מענטש שפירט דעמאלט א געשמאק און זיסקייט אין יעדער הייליגע זאך, אפילו אין יעדן אות פון דער תורה, און אין יעדער תפילה וואס ער זאגט צום באשעפער.

אזוי אויך וועלן זיין ביי דיר צייטן, וואס דיין ברען און דיין גאנצע עבודת השם וועט זיך אנהייבן מיט'ן זיך פארטיפן אין דער גרויסקייט פון באשעפער, און אין אנדערע צייטן ווערסטו דינען דעם באשעפער מיט דיין הארץ, שפירנדיג זיך נאנט צום באשעפער.

אויב א מענטש הייבט אן צו דינען דעם באשעפער אין זיינע יונגע יארן מיט'ן פולן ברען און מיט אלע זיינע אינערליכע כוחות, וועט דאס אים געבן דעם כוח אנצוהאלטן זיין עבודה אפילו ווען ער וועט זיך באגעגענען מיט שוועריגקייטן, און שפעטער, ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט זיין עבודה זיין א הערליכע שלימות'דיגע שיינקייט, וואס וועט פארמאגן אין זיך אלע פארבן און קאלירן פון אלע תקופות וואס ער האט געדינט דעם באשעפער, אויך פון די יונגע צייטן פון זיין לעבן.

אויב ער וועט דאס אבער אפשטופן און אנהייבן ארבעטן דערויף ערשט אין די שפעטערע יארן, וועלן אים פעלן די געלעגנהייטן פון די יונגע יארן וואס ער האט פארלוירן.

**חשוב'ע תלמידות!** איר טוט די הייליגע עבודה פונעם גרויסן, שטארקן און פארכטיגן באשעפער. איר האט זוכה געווען צו זיין א טייל פונעם מיליטער פונעם איינציגן ג-ט, וואס הימלישע מלאכים קענען אים נישט זען, און זיי פרעגן איינער דעם אנדערן, **אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ** - וואו איז דאס ארט פון זיין כבוד?

אויף אייך, אידישע טעכטער, טוט דער הייליגער באשעפער רוען, און צווישן אייך איז זיין וואוינונג. זיין נאמען "ה' צבאות" ווערט אזוי אנגערופן צוליב אייך!

הייבט אויף אייערע אויגן און זאגט צום הייליגן באשעפער: "**אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ**! - אונזער פאטער, אונזער קעניג, מיר זענען דיינע! מיר גיבן דיר איבער אונזער גאנצן כוח און אונזער גאנצע נשמה. מיר זענען איבערגעגעבן צו דיין תורה און צו דיין עבודה".

**און יעצט, טייערע תלמידות, גייט און נעמט איין די וועלט, פאר אייער טאטן, דער מלך מלכי המלכים!**

# ספר זה נדפס לעילוי נשמות

אאמו"ר הרב הגדול בתורה וביראה הרה"ג רבי **משה עמרם** ב"ר יצחק ז"ל
שהרביץ תורה ויראה רבות בשנים וזכה להעמיד תלמידים מופלגים ומצויינים
נלב"ע י"ג כסלו תשס"ד לפ"ק

אמי מורתי מרת **ריזל** ב"ר אברהם חיים ז"ל
שהרבתה במעשים טובים ומסרה נפשה על קיום התורה והמצוות
נלב"ע **כ"ז תשרי** תשע"ז לפ"ק

אחי הרהח"ס ר' ***יהודה אריה*** בן הרה"ג רבי משה עמרם ז"ל
שהשתדל באהבת שלום ובשידוכים ונתינת צדקה
ועניית אמן יהא שמיה רבא ובמידת השמחה
נלב"ע **כ"ז תשרי** תשס"ח לפ"ק

נכדתי הילדה **מלכה** ע"ה בת יבלחט"א חתני
הרב משה דוב ניעדערמאן שליט"א
נלב"ע כ"ב מרחשון תשס"ו לפ"ק

* * *

חותני הרב החסיד רבי **יצחק דוד** ב"ר מנחם גרשון הכהן שווארץ ז"ל
שקירב לבבות נשברים וגידל תלמידים ודורות ישרים לתורה ויראת שמים
נלב"ע ט"ו אייר תשע"ו לפ"ק

חמותי מרת **שרה נעסיא** ב"ר יהושע ז"ל
ששפכה לבה בתפילותיה וגמלה חסד בשמחה
נלב"ע כ"ט שבט תשע"ז לפ"ק

**ת.נ.צ.ב.ה.**

## ספר זה נדפס לעילוי נשמות

זקני מצד אאמו״ר: הר״ר **יצחק** גראד הי״ד (מעיר פרעשבורג יע״א) בהר״ר **דוב** ז״ל
נהרג ע״י הנאצים הארורים ימ״ש בשנת תש״ב לפ״ק
היארצייט נקבע על כ״ז ניסן
נכד רבי **יעקב פיש** זצ״ל ראה״ק דק״ק קאלוב

זוגתו מרת **אסתר טובה** הי״ד בת הרב הגה״צ רבי **שמואל** דאנאטה זצ״ל
רב ומ״מ דח״ק פרעשבורג יע״א ובעמח״ס חידושי שמואל הרמש״י
עלתה על המוקד באושוויץ בשנת תש״ד לפ״ק
היארצייט נקבע על כ״ז ניסן
מגזע בעל **שערי תורה** זי״ע אב״ד דק״ק ווערבוי יצ״ו ורבי **דון יצחק אברבנאל** זצ״ל

זקני מצד אמי מורתי: הר״ר **אברהם חיים** לאנגענויער ז״ל
(מעיר סאמבור, פולין יצ״ו) בהר״ר **יוסף** (פיקהאלץ) זצ״ל
נפטר י״ז ניסן תשי״ד לפ״ק
מגזע **ב״ח**, **חכם צבי**, **ט״ז**, **מהר״ם פדוואה**, **רמ״א**, **רבי שאול וואהל**, **תוספות יו״ט**, זי״ע

זוגתו מרת **העניא לאה** ע״ה בת הר״ר **ישראל גרשון** רייז זצ״ל
בת הצדיקת **חיה שרה** ע״ה שהצילה את משפחתה מידי רוצחים הקאזאקן ימ״ש
שנשארו דוממים כאבן כשאמרה הפסוק תפול עליהם אימתה ופחד וכו׳
נפטרה בשיבה טובה כ״ב תשרי תשמ״ד לפ״ק

**ת.נ.צ.ב.ה.**

# ספר זה נדפס לעילוי נשמות

זקני מצד חמי: הר״ר **מנחם גרשון הכהן** שווארץ ז״ל
(מעיר טאָקאַיי, אונגארן יע״א) בהר״ר **מיכאל** זצ״ל, הי״ד
נפטר בש״ט כ״ח אדר א׳ תש״ל
מגזע **מהרש״ל**, **פני יהושע**, **ש״ך**, **ב״ח**, **סמיכת חכמים**, **מהר״ל מפראג**,
**רמ״א**, **ר׳ מיכאל נאנאשער** זי״ע

זוגתו מרת **מלכה** הי״ד בת הר״ר **יצחק דוד** ווינקלער
(מלמד תשב״ר בעיר נירבאטור, אונגארן יע״א) זצ״ל
שעלתה על המוקד באוישוויץ כ״ז אייר תש״ד

זקני מצד חמותי: הר״ר **יהושע** שניידער ז״ל
(מעיר לוגאנא, שווייץ יע״א) בהר״ר **קלונמוס אלתר** ז״ל
נפטר בשיבה טובה כ׳ תשרי תשנ״ג לפ״ק

זוגתו מרת **דבורה** ע״ה בת הר״ר **חיים** שניידער ז״ל
(מעיר פירסענטאהל, בוקאווינא יע״א)
אמה מרת **צפורה** ע״ה בת הרה״צ ר׳ **יעקב הערצפעלד** זצ״ל
(מעיר סאָחאָווערכאָוו, בּוקאָווינא יע״א)
בן הרה״צ ר׳ **משולם זוסיא** זצ״ל אשר מנו״כ בעיה״ק צפת יע״א
מגזע הרה״ק רבי **אלימלך מליזענסק**, הרה״ק מ**בארדיטשוב** ו״**הצמח ד׳ לצבי**״
זי״ע ועכי״א
נפטרה בשיבה טובה כ״ב אב תשמ״ז לפ״ק

**ת.נ.צ.ב.ה.**